№ 10 פרייז 2 קאפ. Lodzer Tageblatt.

לאָדזער טאַגעבלאַט

אבאנעמענטס-פרייז: אין רוסלאנד: א יאָהר 8 רובל, א האַלב יאָהר 4 רובל, א פערטעל יאָהר 2 רובל, א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע פעטריקויער 16, טעלעפאן 867. פיליע אין ווארשוי: ה. רייזנער, טווארדא 23, טעל. 117-63.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין פאָרנט 1.20 קאפ. ... 60 ק. ... 80 קאפ. ... 1.50 ... 1 רובל. ... רעדאקציע ניט פאראנטווארטליך.

12 (25) יאנואר 1914. זונטאג כ"ז טבת תרע"ד זיבענטער יאהרגאנג

דער היינטיגער נומער ענטהאַלט 6 זייטען.
Въ сегодняшнемъ номерѣ 6 страницъ

די פארבערייטונגען צום שולגין-פראצעס.

א שארפע פאלעמיק צווישען וויטע'ן און קאקאווצעוו'ן.

פאר'ן שולגין-פראצעס.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) נאך פיעל מיה און השתדלות'ן איז איינער קארעספאנדענט געלונגען צו בעקומען אן איינטריטס-קארטע צום בעהאוסטען שולגין-פראצעס, וואס וועט פארקומען דעם 20 יאנואר אין קיעוו.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) צום שולגין-פראצעס האט מען ארויסגעגעבען בסך-הכל 140 איינטריטס-קארטען. דער פראקוראטור האט זיך משתדל געווען אז זי זאל האבען די השגחה איבער די איינטריטס-קארטען, דאס געריכט האט אבער די השתדלות אבגעווארפען.

די ערשטע דומע-ארבייט.

פעטערבורג (ספ. צום ל. ט.) אין דער נאַצ.-דומע וועט איינער פון די ערשטע זיצונגען פון דער קאמענדינער סעסיע, ארייננעטראגען ווערען אן אנפראגע וועגען די גילטיגקייט פון די וואהלען פונ'ם יעפיסקאפ אנאטאלי אין אדעס. אלס רעפערענט וועט ארויסטרעטען מיליוקאוו.

אבגעשאפט בעגרענצונגען.

פעטערבורג (ספ. צום ל. ט.) עס נעהען קלאנגען, אז עס ווערען אבגעשאפט די בעגרענצונגען אויף יודישע עקסטערנען אין דער מעדיצינישער אקאדעמיע.

פע-וועהרט צו האנדלען מיט ארדענס.

פעטערבורג (ספ. צום ל. ט.) דער פערוואלטער פון סינאד האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג לויט וועלכער ניט קריסטען איז ניט ערלויבט צו האנדלען מיט ארדענס.

ענטזאגט יודישע לעהרער.

דווינסק (ספ. צום ל. ט.) אין די היעזיגע רעגירונגס-שולען האט מען ענטזאגט אלע יודישע לעהרער פון רוסישע היסטאריע, רוסישע שפראך און געאגראפיע און אויף זייער ארט צוגענומען קריסטליכע לעהרער.

צום זעמסטווא-יובילעאום.

פעטערבורג (ספ.) די „נאָווו. ווֿרעמיא" מעלדעט, אז אויפ'ן באנקעט אין אינערן-מיניסטעריום לכבוד דעם 50-יעהריגען זעמסטווא-יובילעאום, האבען בעקומען איינלאדונגען 500 בעאמטע און נאר 800 זעמצעס. די ביוראקראטע', מעלדעט די נאָוו. ווֿר. זענען געזעסען ביי'ם טיש, די זעמצעס אבער האבען אסטעהרסטען געמוזט שטעהען.

ערד-ציטערניש.

וויערני (פ.) אין דער נאכט פון 9 יאנואר האט מען דא געפיהלט א ערד-ציטערניש.

א שארפע פאלעמיק אין גאסוד. סאוויעט.

פעטערבורג (פ.) אויף דער נעכטיגער זיצונג אין גאס. סאוויעט איז אויסגעבראכען א שארפע פאלעמיק צווישען דעם געוועזענעם פינאנץ-מיניסטער גראף וויטע און דעם פרעמיער-מיניסטער קאקאווצעוו. וויטע האט אנגעוויזען, אז ער האט איינגעפיהרט די מאנאפאלען איבער שטארקע געטראנקען מיט'ן צוועק צו קעמפפען געגען שכרות. דער ראזינער ציעל איז אבער ביסלעכווייז אבגעפאלען און די רעזולטאטען פון די מאנאפאלען זענען זעהר טרויעריגע. וויטע בעשולדיגט די רעגירונג, אז ניט נאר זי האט זיך ניט בעמיהט צו פערקלענערן דאס שכרות ביי'ם פאלק, נאר פערקעהרט, זי האט זיך בעמיהט מיט אלע מיטלען ארויסצוציהען פון די מאנאפאלען וואס מעהר הכנסה און אזוי-ארום האט זי נאך מעהר פערשטארקט צווישען פאלק דאס שכרות און ממילא אויך איהר „נעזעצליכע מאכטער" — די כוליגאנסטווע.

קאקאווצעוו האט אין זיין רעדע אבגעלייקענט וויטע'ן און אבגעווארפען אלע זיינע טענות.

א דעמאנסטראציע אין דייטשען פארלאמענט.

בערלין (ספ.) אויף דער נעכטיגער זיצונג אין דייטשען פארלאמענט האבען געזאלט בעטראכט ווערען די אינטערפעלאציעס וועגען די געשעהעניסען אין צאבערן, פון די רעגירונגס-פארשטעהער איז אבער קיין איינער ניט געקומען אין פארלאמענט, דאס האט די דעפוטאטען שטארק אויפגעבראכט און אלס פראטעסט געגען דעם האט דער פארלאמענט איבערגעריסען די זיצונג.

אן אנפאל אויף ענווער-ביי.

פאריז (ספ.) דא האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז אויף ענווער-ביי האט זיך געהאט צוגעגרייט אן אנפאל. אין דעם הויז וואו דאס קריעגס-געריכט האלט אב זיינע זיצונגען האט מען געפונען א דינאמיט-לאגער, אין קריעגס-מיניסטעריום האט מען ארעסטירט א פערזאן, וועלכער האט זיך דארט ארייגענאפט אויסמיידענדיג די קאנטראלע. די פאליציי וויים ווער עס איז די פערזאן אבער מען האלט עס בסוד כדי ניט צו צושטערען דעם גאנג פון דער אויספארשונג.

דער פראצעס געגען גנב פון „מאנא ליזא".

רוים (פ.) דער פראצעס געגען פערודושיאן, דעם גנב פון „מאנא ליזא" וועט פארקומען אין פלארענץ דעם 26 פעברואר.

דאס נייעסטע פון טאג.

די וואולקאן-קאטאסטראפע אין שטילען אקעאן.

סידני (ספ.) דעם 17 יאנואר זענען אויף דער אינזעל אמבּרים פארגעקומען שרעקליכע וואולקאן-אויסברוכען. הונדערטער פון די דארטיגע איינוואוינער זענען פערשאטען געווארען. 700 פערזאן איז געלונגען זיך צו ראטעווען.

דערהרג'עט דעם פראנצויזישען דיפלאמאטישען אגענט.

מאנזשער (פ.) פון עטליכע רעוואלווער-שאסען איז פון זיין איינענעם קולארוש דערהרג'עט געווארען דער פראנצויזישער דיפלאמאטישער אגענט שעוועל-דע אראלדר. די סבה דערפון איז, וואס דער דיפלאמאט האט געדראהט דעם קולארוש אבצוזאגען איהם פון זיין פאסטען. דעם מערדער האט מען ארעסטירט.

ערד-ציטערניש אין גריכענלאנד.

אטהען (פ.) אין לעפאנטע איז פארגעקומען א שטארקע ערד-ציטערניש. פיעל בנינים זענען איינגעפאלען.

מלחמה-שטימונג אין טערקיי.

סאלאניקי (ספ.) די קריעגס-פארבערייטונגען פון טערקיי ווערען אלס שטארקער, זאגאר ביי דער בולגארישער גרעניץ ווערען געזאמעלט טערקישע סאלדאטען, ביי גומולדשינא, דעדעאגאטש און סטאמפיליא געפינען זיך גרויסע מיליטער-אבטהיילונגען.

די פראוויזארישע רעגירונג אין ד מיסיע.

וואלאנא (ספ.) איזמאאיל קעמאל-ביי האט זיך אנגעגעבען אין דעמיסיע און זיין מאנדאט האט ער איבערגעגעבען דער אינטערנאציאנאלער קאנטראל-קאמיסיע, צוזאמען מיט איהם האבען זיך די מיניסטארען איינגעגעבען אין דעמיסיע אזוי אז די גאנצע פראוויזארישע רעגירונג האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

א טראמוואי-קאטאסטראפע.

פאריז (ספ.) צוליב א בעשעדיגונג פון די עלעקטרישע דראטען האט א טראמוואי-וואגאן, וועלכער איז געפאהרען אויף איינע פון די בעלעבטעסטע פאריזער גאסען, אנגעהויבען צו פליהען מיט א געוואלדיגע שנעלקייט, וואס ס'איז ניט מעגליך געווען איינצוהאלטען. אין דעם ווילדען „גאלאפ" האט דער טראמוואי איבערגעקעהרט עטליכע פוהרען און איז איבערגעפאהרען פיעל מענשען. אין אלגעמיין זענען פערוואונדעט געווארען 80 פערזאן.

אבגעפאהרען א באטשאפטער

קאנסטאנטינאפעל (ספ.) דער בולגארישער באטשאפטער אין קאנסטאנטינאפעל איז פלוצלונג ארויסגעפאהרען קיין סאפיא. די סבה דערפון איז דערווייל אונבעוואוסט.

לעצטע לאדזער ניעס.

די פערזאמלונג פון טישלער-בוי-ארבייטער.

אין לאקאל פון „האלץ-בראנזשע-פעראיין" (פעטריקאווער 20) איז אונטערן פארזיץ פון ה' ג. מעטער פארגעקומען אן אויסערארדענטליכע פערזאמלונג פון די טישלער בוי-ארבייטער.

אויף דער פערזאמלונג איז נאך לאנגע דעבאטען בעשלאסען געווארען: אז די פערוואלטונג און אויך די מיטגליעדער זאלען אכטונג געבען, אז ס'זאל שטרענג אבגעהיט ווערען דער בעשטעמטיגטער נארמאלער ארבייטס-טאג. פאר די מיטגליעדער זאל דער פעראיין יעדע צוויי וואכען איינארדנען בילדונגס פאך-קורסען. אז דער פעראיין זאל זארגען, אז די ארבייטס-געבער זאלען מיט די ארבייטער זייערע געלדאבּרעכנונגען מאכען נישט שפעטער ווי יעדע צוויי וואכען, אויך זאל דער פעראיין זארגען פאר דעם קולטורעלען צושטאנד פון די מיטגליעדער און צו ערעפענען א ביבלאטעק, איינארדנען א לעזע-זאל און ליטערארישע און וויסענשאפטליכע פארלעזונגען.

וועגען איינמאהנען נישט בעצאהלטע נאלאגען.

(י) דער מאגיסטראט האט זיך געווענדעט מיט א צירקולאר צו די שטאדטישע סעקוועסטראטארען, אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען, אז עס זענען פארהאן אלערהאנד נישט בעצאהלטע שטייערען און נאלאגען אויף גרויסע סומען און דערום ווערט פארלענגט אנצונעהמען ענערגישע מיטלען די נישט בעצאהלטע פאראטקעס איינצומאהנען.

ווען די סעקוועסטראטארען וועלען אין משך פון 2 וואכען נישט אויפמאהנען די נישט בעצאהלטע נאלאגען, וועט דער מאגיסטראט וועגען דעם זיך ווענדען צום גובערנאטאר.

פון „לעדער-בעארבייטונגס-פעראיין".

די גרינדער פונ'ם ניי-לעגאליזירטען פעראיין פון דער לעדער-בעארבייטונגס-בראנזשע האבען שוין בעקומען צוגעשיקט דעם בעשטעטיגטען אוסטאוו און האבען בעשלאסען צו דינגען א צייטווייליגען לאקאל פאר'ן פעראיין אויף פעטריקויער 20, אין לאקאל פון האלץ-בעארבייטונגס-פעראיין. דאס לאקאל איז אפען יעדע: כאג פון 8—10 אין אווענד און שבת פון 5—10 אין אוונד, וואו עס קענען זיך פערשרייבען נייע מיטגליעדער.

ZAHN-ARZT
Emilie Neufeld
האט נאך פיעליעהריגער פראקסיס איין קאבינעט ערעפנעט. שפרעכשטונדען פון 10 פריה ביז 8 אוהר אבענדס.
בענעדיקטא 10 עקע וואלטשאנסקא.
טעלעפאן 23-81. 6070

איך נעם די פראקסיס ווידער אויף
Dr. Hugo Goldblatt
לייטער דער אויגענקליניק דעס בליגדען-קוראטאריומס
פעטריקויער שטר. 79
שפרעכשטונדען פון 11—1 און פון 5—7

וואס איז א זעלכעס „813"?

813 איז א וואונדערפאלער ראמאן.
813 איז זעלטען שפאנענד און צוציהענד.
813 ענטהאלט אויסערגעוועהנליכע סצענעס.
813 וועט געוויס יעדען העכסט אינטערעסירען.
813 וועט מען לעזען מיט געוואלדיגער נייגיריגקייט.
813 איז דער סוד פון דעם זעלטענעם דעטעקטיוו-ראמאן.
813 איז איבערזעצט אין יודישען ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט".
813 ווער ס'וועט לעזען, וועט מודה זיין, אז ער האט נאך אזא ראמאן ניט געלעזען.
813 האט זיך פריינאג אנגעהויבען צו דרוקען אין פערברייטעסטען יודישען פראווינץ-בלאט

אין „לאדזער טאגעבלאט".

בריעף פון פעטערבורג.

(פון אונזער קארעספאנדענט).

נעכטען ביינאכט האט דער בעוואוסטער ציוניסטישער עסקן ד"ר ד. פּאַסמאַניק געלייענט אין דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט א רעפעראט „וועגען דער פּראָבלעם פון העכערער בילדונג ביי יודען". ד"ר פּאַסמאַניק איז אויפ'ן XI קאָנגרעס געווען דוקא א ניין־זאָגער בנוגע צו דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ארץ־ישראל; נאר איצט, אז דער פּראָיעקט האט שוין נושא־חן געווען ביי די ציוניסטען, געפינט ער פאר נויטיג צו פערטיידיגען איהם, אז מען רעדט אבער „בעל־כרחו", אהן אנ'אינעהעניגסטער התלהבות, קאנען די ווערטער ניט מאכען קיין רושם, און דעריבער איז מאקי מסתמא דער נעכטיגער רעפעראט געווען אזוי שוואך און אזוי ווייניג איבערצייגענד. מען האט געקאנט מיינען, אז לכל הפחות א ציוניסט דארף אנקוועלען פון דער עצם מעגליכקייט צו בויען א גייסטיגען מרכז אין ארץ־ישראל; נאכ'ן נעכטיגען רעפעראט האט מען אבער דערזעהן, אז אפילו א כשר'ער ציוניסט איז אויך ניט מחויב אנצונעהמען דאס פאר א הייליגען אמת.

ס'וואלט זיך, אלזא, אפשר ניט געלוינט אבצושטעלען אויף אט דעם ניי־געלונגענעם פרוב צו פאראינטערעסירען די גאנצע יודישע עפענטליכקייט מיט דעם נייסטען ציוניסטישען לופטשלאס, ווען דער רעפעראט וואלט ניט געלייענט געווארען אין פעטערבורג. דא בעקומט אלץ ניט־ווילענדיג אנ'אנדער קאליר. ווי מען זאל ניט מבטל זיין די אנשויאונגען פון די פעטערבורגער פיהרענדיגע קרייזלען, מוז מען דאך מודה זיין, אז זיי האבען נאך אין זיך א גרויסען כח און פערמאגען א גרויסע השפעה. יעדעס ווארט, וואס ווערט ארויסגערעדט פון א פעטערבורגער מנהיג (און די ציוניסטען, דארף מען ניט פערגעסען, האבען זיך די לעצטע צייט אויך צוגעדוקט געהעריג צום עמוד) האט א ווערדע ניט פאר זיך אליין, נאר צוליעב דעם אפקלאנג, וואס עס געפינט אין דער פּראָווינץ. אז א בעל־הבית פון פּראָווינץ — און אונזער אפיציעלע „פּאָליטיק" ליגט דאך נאך כמעט אינגאנצען אין בעל־הבת'ישע הענד — הערט דאס ווארט „פעטערבורג", בעקומט ער באלד דרך־ארץ. אט פארוואס די דעבאטען אויף דער נעכטיגער אסיפה האבען א גרויסען אינטערעס.

אלס אפּאָנענטען זענען ארויסגעטראטען דערווייל (די קומענדיגע וואך וועט זיין די פארזעצונג פון די וכוחים) די ה"ה ביקערמאן, בלאנק, סטאלפנער און כהן, בעזונדערס כאראקטעריסטיש איז געוועזן די רעדע פון ה' בלאנק, דאס איז איינער פון די פארשטעהער פון דער האלב־ אדער דריי־פערטעל־אסימילירטע אינטעליגענץ, א געוועזענער רעדאקטאר פון אנ'אלגעמיין־רוסישען זשורנאל און א שטיקעל מקורב צו דער גרופּע פון „נאח. וואסחאד". אט דער ה' בלאנק איז איינער פון די איניציאטארען פון דעם „פּילרונים־פאנד", וואס האט געדארפט געגרינדעט ווערען לטובת פון דער יודישער שטודירענדער יוגענד. האט עס איהם פערדראסען, פערטשעמט זיך, וואס דער רעפעראט מאכט אראב מיט דער האנד די גאנצע איצטיגע „קאריעריסטישע" אינטעליגענץ און הויבט אין הימעל אריין די קומענדיגע תלמידים פון דער נאך ניט געבוירענער ירושלים'ער הויכשול. אמת, מען קאן ניט זאגען, אז די ראיות פון ה' בלאנק האבען געהאט א גרעסערע ממשות, ווי די ארגומענטען פון ה' פאסמאניק, ווארום סוף כל סוף איז דאך קלאר, אז דער גרעסטער טייל פון דער דיפּלאמירטער אינטעליגענץ געהט פאקטיש אוועק פון פאלק און ברענגט איהם קיין שום נוצען ניט.

ניט קוקענדיג אויף דעם גרויסען מהלך, וואס ליעגט צווישען די ביידע דערמאהנטע רעדנער, שטעהען זיי דאך ביידע אויף איין שטאנדפונקט. ביידע געהען ארויס פון דער הנחה, אז ביי'ם איצטיגען מאמענט געהער די פראגע וועגען העכערער בילדונג צו די „עניני דיומא". נאר דעם היפוך האט ארויסגעזאגט אנ'אנדער אפּאָנענט, ה' ש. כהן, וואס האט בעטאנט, אז דאס יודישע פאלק האט דערווייל נאך גאר אנדערע דאגות, ווי בויען אנ אוניווערסיטעט פאר יחידים; פאר אונז שטעהט די סכנה פון א מורא'דיגער עם־הארצות, אויב מיר וועלען זיך ניט נעהמען צו גרינדען א יודישע פאלקס־שול. אגב האט דער רעדנער, א קענער פון פאלעסטינא, בעלויכטען די בעציהונג פון די ארץ־ישראל'דיגע יודען צום אוניווערסיטעטס־פלאן.

* * *

בעת מיר האלטען אין ריידען וועגען אונזערע אינעווייניגסטע פראגען, שלאפט מען ניט אין די קאנצעלאריעס. איך האב אייך שוין דעפעשירט, אז דער יוסטיץ־מיניסטער האט בעשלאסען זיך אנצופרעגען ביי'ם סענאט, ווי מען זאל זיך נוהג זיין מיט די יודישע געהילף־אדוואקאטען, וואס זענען דורך דעם מיניסטער ניט בעשטעטיגט געווארען און זענען דעריבער ניט אריין אינ'ם שטאנד פון געשווארענע אדוואקאטען. אין איינעם פון מיינע פריהערדיגע בריעף האב איך שוין אנגעוויזען, ווי קלאגעדיג ס'איז די לאגע פון פיעל הונדערטער געהילף־אדוואקאטען אפילו ביי'ם איצטיגען צושטאנד; לאזט זיך אבער אויס, אז דאס איז ווייניג, און דער יוסטיץ־מיניסטער קאן אפילו ניט דערליידען, אז די יודישע יוריסטען זאלען האבען האטש א בעגרענעצטע פראקטיק.

נאאיווע מענשען קאנען אפילו האפען, אז דער סענאט וועט פסק'ענען די פראגע לטובת די יודישע אדוואקאטען; אבער מיר ווייסען דאך שוין, ליידער, אז ווען מען פרעגט א שאלה — איז טרפה...

6/18 יאנואר. ל.

פארוואס קוועלען זיך אזוי פיעל מענשען אין לעבען.

אין מיר אזוי ווייניג געניסען פון זייער לעבען? — ווייל די מייסטע מענשען האבען נישט קיין געזונדען שטוהלגאנג! כדי צו בעזייטיגען די דאזיגע שטאפּעקס־ל־שטערונג, האט זיך אלס דאס בעסטע ארויסגעוויזען דאס אלס אויסגעפּרובירטע פראנץ־יאזעף ביטערוואסער, וועלכעס שטאמט פון דער אפענער פראנץ יאזעף היילקוועלען און ענטהאלט קיין שום שעדליכע בעשטאנדטיילע און אויך ביים לענגערן געברויך בעווירקט עס מילדע און שמערצלאזע ענטלעערונג, דערצו מוז מען נאך צוגעבען דאס דאס דאזיגע מינעראל־וואסער לאזט זיך זעהר אנגענעהם און לייכט איינ־נעהמען. עס איז עמפּפעהלט געווארען פון געלעהרטע ווי: בראמבערגער, ברוין, ברייסקי, קראפט־עבינג, מעהנערט, אייזער, שוויטאה און נאך פיעל פערטרעטער פון דער וויענער מעדיצינישער שולע! פראנץ יאזעף־ביטערוואסער איז צו בעקומען אין אלע אפטייקען, סקלאדאפּטעקשטעגעם און מינעראל־וואסער־האנדלונגען. וואו עס איז נישט צו בעקומען דארף מען זיך ווענדען דירעקט אין די פערוואלטונגס־דירעקציאן. פון פראנץ יאזעף היילקוועלען אין בודאפעשט.

דער 9 יאנואר אין פעטערבורג.

פעטערבורג (ספ.) דעם 9 יאנואר האט די שטאדט געהאט א בעזונדער אויסזעהן. אלע גאסען זענען געווען איבערגעפולט מיט פאליציי־און זשאנדארמעריע־אבטיילונגען. גרויסע גרופּען ארבייטער האבען זיך פערזאמעלט אויף נעווסקי פּראָספּעקט, די אנגעקומענע פאליציי האט פונאנדערגעטריבען די צונויפגעזאמעלטע ארבייטער. ארום 1 א זייגער האבען זיך אויף דער נעווסקי פּראָספּעקט בעוויזען א גרופּע וועלכע האט גענומען זינגען רעוואלוציאנערע לידער. די פאליציי האט א טייל פונאנדערגעטריבען און א גרויסע צאהל ארעסטירט. אין אלגעמיין האבען געשטרייקט אנ'ערך פון 100,000 ארבייטער. קיין גרויסע צוזאמענשטויסען זענען אין משך פון טאג נישט פארגעקומען.

פעטערבורג (פ.) לויט די אפיציעלע ידיעות האבען דעם 9 יאנואר אין פעטערבורג געשטרייקט די ארבייט אנ'ערך פון 110,604 ארבייטער. אין פערשיעדענע טיילען פון דער שטאדט האבען די ארבייטער געפרובט צו מאכען דעמאנסטראציעס. אזעלכע פרובען זענען געמאכט געווארען אנ'ערך 50. די פאליציי־אבטיילונג האבען אומעטום פונאנדערגעטריבען די דעמאנסטראנטען. פאר זינגען רעוואלוציאנערע לידער און פאר נישט ערפילען די פארערונגען פון דער פאליציי האט די פאליציי ארעסטירט 134 ארבייטער. בעת מ'האט ארעסטירט עטליכע דעמאנסטראנטען האט מען געפּרובט אבצושלאגען די ארעסטירטע און אויף גלאזנא גאס האט א סטראזשניק צוויי מאל אויסגעשאסען און אויף אזא אופן געצוואונגען אבצוטרעטען די אבשלאגער. די ארדנונג אויף די צענטראלע גאסען האט מען איינגעשטעלט ארום 8 ביי טאג און אין די אנדערע גאסען ערשט ארום 8 אין אווענט.

אנאטענטאט אויפ'ן דייטשען קרוינפרינץ?

בערלין (פ.) נעכטען נאכמיטאג האט אנ'אונבעקאנטער זיך געווארפען אויפ'ן דייטשען קרוינפרינץ, וועלכער איז אין אנ'אויטאמאביל צוריקגעקעהרט אין פאלאץ. דעם אנפאלער האט מען ארעסטירט.

בערלין (ספ.) ווי מען האט זיך דערוואוסט, איז דער קלאנג, אז ס'איז פארגעקומען אנ'אנפאל אויף דעם דייטשען קרוינפרינץ נישט ריכטיג. געוועזען איז די זאך אזוי: נאך דעם אויטאמאביל פון קרוינפרינץ, וועלכער איז געפאהרען „אונטער די לינדען" נאכגעלאפען א משוגענער שניידער־געזעלען לעאפאלד סאלאמאן, קומענדיג נעבען דעם אויטאמאביל פון קרוינפרינץ האבען איהם 2 פאליציאנטען, וועלכע האבען איהם נאכגעיאגט געכאפט און ארעסטירט. ווי ער זאגט האט ער נישט געוואלט מאכען קיין אנפאל אויפ'ן קרוינפרינץ, נאר ער האט געוואלט אז ער זאל איהם געבען געלד, דען ער איז דאך זיינער א ברודער.

ביילים אין קינעמאטאגראף.

דעם פאריגען זונטאג האט מען געוואלט דעמאנסטרירען אין לאנדאן אין אקספארדער מוזיקאלישען סאלאן די קינעמאטאגראפישע אויפנאהמע פון ביילים פראצעס אין קיעוו. אבער אין דער לעצטער מינוט האט מען די פילם ארויסגענומען פון רעפערטואר לויט דעם בעפעהל פון דער שטאדט־פערוואלטונג. אין עטליכע טאג ארום האט מען צוריק ערלויבט צו ווייזען דאס בילד און איצט ווייזט מען עס יעדען טאג, אין אקספארדער מוזיקאלישען זאל און אין מעטראפאל־זאל.

א פערטרעטער פון דער קינעמאטאגראפישע געזעלשאפט, האט מיטגעטיילט די צייטונגס־מיטארבייטער, אז דער גענעראל־קאנסול פון רוסלאנד אין לאנדאן באראן האקינג האט געבעטען דער שטאדט־פערוואלטונג צו פערווערען צו דעמאנסטרירען דאס בילד.

דער מיטארבייטער אבער פון „דיילי ניוס" האט מען אין דער רוסישער קאנסולסטווא געזאגט, אז דאס איז נישט אמת. קיין שום דיפלאמאטישע טריט זענען בנוגע דעם בילד נישט געמאכט געווארען נאר צוזאמען דערמיט האט דער באראן האקינג ארויסגעדריקט זיין מיינונג אז אלע פערשטענדיגע ענגלענדער וועלען זיין צופריעדען דערפון, וואס די שטאדט־פערוואלטונג האט פערווערט צו ווייזען דאס בילד.

— איהר זעהט האט דער קאנסול געזאגט צום צייטונגס־מיטארבייטער — מיר בעמיהען זיך שטענדיג צו דערהאלטען די פריינדשאפט, וואס עס הערשט צווישען רוסלאנד און ענגלאנד, און וואס די אויפנאהמע פון ביילים־פראצעס קאן נישט שטערען דעם אייראפעאישען שלום. דאך איז דאס בילד אויסען צו בעליידיגען די בעסערע מענשען פון יענעם לאנד, וואס עס געפינט זיך אין פריינדשאפטליכע בעציהונגען מיט ענגלאנד".

דער שרייבער האט איהם דאן געזאגט, אז אין אמעריקא האט מען פארגעשטעלט די נייע דראמא „דער ביילים פראצעס" אין 4 טעאטערן און קיין שום אפיציעלער פראטעסט איז געגען דעם נישט דערלאנגט געווארען.

— דאס קאן זיין האט דער קאנסול געענטפערט — אבער איצט איז צווישען רוסלאנד און אמעריקא נישט פארהאן קיין שום אבמאך און דעריבער טהוט אמעריקא וואס זי וויל, אהן שום שטערונג.

צום סוף פון געשפרעך האט דער באראן אויסגעדריקט זיין פרייד, וואס נאר אין קורצען וועט ביילים האבען א פלאץ אין פאלעסטינא, און ער האט גענומען טאדלען די קינעמאטאגראפען, וועלכע האבען אויסגענוצט דעם פראצעס אויף צו פערדיענען געלד.

— אזא פראצעס — האט דער באראן געענדיגט — וואס האט אויפגערודערט א וועלט, האט נישט געדארפט צו דינען פאר א מיטעל, כדי דורך איהם געלד צו פערדיענען. איך רעכען, אז פיעל ענגלענדער וועלען ארויסזאגען זייער פראטעסט דער קינעמאטאגראפען־געזעלשאפט.

די אדעסער רבנים געגען די חזנים־קאנצערטען.

די אדעסער רבנים האבען פערעפענטליכט אין די ארטיגע צייטונגען פאלגענדען אויפרוף:

„פאר דער לעצטער צייט בעמערקט מען אין אדעס אזעלכע פאקטען, וואס בעליידיגען שרעקליך דעם יודישען גייסט און ברענגען צום גרעסטען חלול השם. עס קומען אהער חזנים פון פערשיעדענע ערטער און ארדנען איין א קאנצערט אין אילוזיאן „קאליזיי" און אין אנדערע טעאטער־זאלען און זינגען דארט די הייליגסטע יודישע תפלות.

עס טהוט וועה דאס יודישע הארץ צו זעהן ווי דער שליח־צבור, וואס איז פון אייביג פערערט ביי יודען פאר א „כלי־קודש", ווערט פערוואנדעלט אין אנ'ארטיסט דורך די בעוואוסטע, שרייענדע רעקלאמען. נאך גאר טרויעריגער איז צו הערען, ווי די חזנים־ארטיסטען מאכען פון אונזערע הייליגע תפלות א מין טעאטער־שפיעל און זינגען זיי פאר א פערשיעדענעם פובליקום מיט אלע אונפאסענדע פרטים, ווי אפלאדירען א. ד. ג., וואס דורך דעם פערשוועכען זיי דאס הייליגקייט פון אונזער אמונה.

מיר, אדעסער רבנים, געפינען פאר אונזער חוב, ארויסצוזאגען זיך געגען אזעלכע פאקטען, וואס איז געגען דעם גייסט פון אונזער תורה און מודיע זיין, אז על פי דין תורה האבען די חזנים ניט קיין רעכט צו זינגען יודישע תפלות אין אזעלכע פערזאמלונגען און די יודען, וואס הערען זיי, פערשטארקען מיט דעם דעם חלול־השם פון אונזער אמונה".

דער פראטעסט איז ארויסגעגעבען געווארען צוליעב דעם, וואס איין חזן האט אין אדעס געגעבען קאנצערט אין א שוהל מיט דער בעוויליגונג פון אנ'ארגעל און דאס פובליקום האט זיך דארט אויפגעפיהרט אזוי ווי א טעאטער, אזוי ווייט, אז אין דער זאך האט זיך אריינגעמישט דער גראדאנאטשאלניק סאסנאווסקי און פערלאנגט אנ'ערקלערונג פון די גבאים, פאר וואס זיי האבען צוגעלאזט, אז פון א שוהל זאל מען מאכען א קאנצערט־זאל.

קופאן № 10

יעדער לעזער, וואס שטעלט צו אזעלכע 10 קופאנען בעקומט יעדע 2 וואכען א באנד

יודישע געשיכטע

(פון פראפעסאר גרעץ)

אלס פרעמיע פון „לאדזער טאגעבלאט" אנשטאט פאר 80 קאפ.

נור פאר 20 קאפ א באנד.

די געשיכטע וועט ענטהאלטען 12 שטארקע בענדער אנ'ערך פון 2000 דרוקזייטען.

וועלט־נייעס.

אייזענבאהן לויט עלעקטריע.

אין דער לעצטער צייט איז געמאכט געווארען זעהר א וויכטיגע פראבע, וואס וועט פיהרען צו דעם, אז סוף כל סוף וועלען אלע אייזענבאהנען געהן מיט עלעקטרישע קראפט אנשטאט דאמפף. די פראבע איז געמאכט געווארען מיט איין וואגאן, וועלכער האט געהאט אנ'עלעקטרישע באטעריע, און איז אבגעפאהרען דעם גאנצען וועג פון ניו־יארק ביז באסטאן, א שטרעקע פון 310 מייל, אהן אנ'אבהאלט, לויפענדיג ביז 40 מייל א שעה. די צוקונפטיגע וואגאנען וועלען אלזא ניט דארפען האבען קיין קוילען, קיין הייצער, קיין לאקאמאטיוו, נאר בלויז א באטערי אנגעלאדען מיט עלעקטרישע קראפט. און מען וועט אפילו קיין דראטען ניט דארפען האבען. בלויז מען וועט פון צייט צו צייט די באטערעע דארפען אנפילען מיט נייע קראפט. די פראבע האט אויך געצייגט, אז די הוצאות פון די טרייב־קראפט פער מייל, פאר יעדען עלעקטרישען וואגאן, וועט זיין, לערך 18 סענט א שעה, וועהרענד די יעצטיגע אייזענבאהנען, וואס געהען מיט דאמפף קאסט ביז א דאלאר א שעה אויף יעדען וואגאן.

* * *

די אונשעדליכקייט פון אויטאמאבילען ביי נאכט.

אטאמאבילען וועלען ביי נאכט ניט מעהר זיין אזוי שרעקליך ווי פריהער. אנ'ענגלישמאן האט ערפינדען אזא גלאנציגע פארב וואס מאכט אנ'אטאמאביל שיינען מיט א העלע ליכטיגקייט אין די פינסטערסטע נעכט, און מען קען איהם זעהן פון גאנץ ווייט, אהן א לאמפ.

* * *

א קויל וואס שיסט מיט רחמנות.

א. פ. האספרעי אנ'ערפינדער פון פיטסבורג, האט ערפינדען א קויל וואס בראכט מיט זיך א ביסעל מארפין. אין דער וואס ווערט געטראפען מיט דער קויל ליידעט ניט קיין שמערצען, ווייל ער ווערט גלייך בעטויבט אזוי ווי פון א שלאפטראנק.

דאנעבען האט איינער ווידער ערפינדען א ביקס וואס שיסט מיט אזעלכע גאזען און די גאזען האבען אין זיך א כח אנצוצינדען זאכען און צו מאכען אנ'עקספלאזיאן פאר פינף מייל ווייט. א לופט־שוויצער, מיט'ן נאמען ווערדין, האט ערפינדען א קליין ביקסעל וועלכען מען קען בעהאלטען אין א רייזע זעקעל, און דיזער ביקסעל קען פערניכטען א לופט שיף פאר א מרחק פון 9,000 פוס.

אויפמערקזאמקייט!

מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע געעהרטע לעזער, אז יעדער באנד פון

אונזער געשיכטע קאסט נור 20 קאפ.

און די לעזער, וועלכע וועלען ניט בעקומען דעם באנד אין גאס, קענען איהם בעקומען פיר נור 20 קאפ. ביי אונז אין אדמיניסטראציע טעגליך פון 10 ביז 1 מיטאג און פון 4 ביז 8 אבענדס.

בריעף פון לאנדאן.

ד"ר גאסטער איבער „בצלאל" און יודישע קונסט. — סער לייאנס און די „מחנה ישראל הגדולה". — מאדאם קאמינסקא אין לאנדאן.

די טעג האט דער חכם פון דער ספרדישער געמיינדע ד"ר גאסטער געהאלטען א פארלעזונג איבער דער טהעמא „בצלאל און זיין ארבייט".

שוין לאנג ווי עס איז אין לאנדאן נישט געהערט געווארען אזא העכסט־אינטערעסאנטער און בעלעהרענדע פארלעזונג איבער יודישער קונסט, ווי ד"ר גאסטער'ס.

איך וויל דא געבען א קורצען אינהאלט פון דער פארלעזונג.

צוערשט גיט ד"ר גאסטער אנ'איבערזיכט איבער דער ענטוויקלונג פון דער יודישער קונסט, וועלכע האט זיך אנגעהויבען צוגלייך מיט דעם יודישען פאלק. אין דער מדבר האט דאס יודישע פאלק א בצלאל ארויסגעגעבען, וועלכער האט אנ'איינציגארטיגע קונסט געשאפען, און וואס ווייטער דאס יודישע פאלק האט זיך ענטוויקעלט, האט עס אלץ מעהר די וועלט בערייכערט מיט זיינע קונסט־שאפונגען.

אפילו ביי היינטיגען טאג געפינט זיך אין די גרעסטע אייראפעאישע מוזעאומס די ווערטפולסטע קונסט־זאכען, וואס דער יודישער זשעני האט געשאפען אין די צייט פון זיין זעלבסטשטענדיגען לעבען. אבער דאס יודישע פאלק האט גארנישט פון דעם, א רייכער יוד שעהמט זיך צו האבען א יודישע קונסט־זאך אין זיין הויז.

ד"ר גאסטער זאגט ווייטער, אז איהם איז אמאל אויסגעקומען צו בעטען ביי יודישע גדולים, אז זיי זאלען אבקויפען ווערטפולע יודישע קונסט־ווערק און אויב זיי שעהמען זיך דאס צו האלטען אין זייערע קאבינעטען, זאלען זיי עס צושענקען פאר די מוזעאומס, און זאל חכמת די וועלט וויסען, וואס יודען קענען שאפען.

„עס זענען פארהאן פיעל יודען, זאגט ד"ר גאסטער, פון וועלכע איך ווייס, אז זיי שטיצען און האלטען אויס יודישע שריפטשטעלער. אבער זיי פערלאנגען, אז דאס יודישע בוך זאל מען זיי אין הויז נישט אריינשיקען"...

„נישט נאר די יודישע נבירים שעהמען זיך איצט אין גלות מיט אלץ, וואס איז יודיש, נאר אפילו די גרויסע יודישע קינסטלער, וועלכע שאפען מאדאנעס און אנדערע הייליגע בילדער, האבען אויך דאס פאלק שוין נישט איינמאל בעליידיגט...

א יודישע קונסט, איז וואס א יוד שאפט פאר א יודען, און וועלכער נעהמט יודישע טהעמאס, און יודען געניסען דערפון, אבער ווען א יוד שאפט אויף א קריסטליכע טהעמא, הייסט דאס נישט קיין יודישע קונסט, עס מאכט נאר ארים די יודישע קונסט.

ד"ר גאסטער איז אפילו נישט צופריעדען מיט דער אידעע פון פראפעסאר שאץ, וועלכער האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו ענטוויקלען און דערהויבען די יודישע קונסט, דערפאר, האט ער מאכט מעהר „ביזנעס" מיט זיין ארבייט ווי ער שאפט עפּיס פאר דער קונסט, מען שאצט שוין נישט דעם ווערט פון דער קונסט, נאר וויפיעל געלד דאס וועט איינברענגען...

„אויב ס'זאל אזוי געהן ווייטער — ענדיגט ד"ר גאסטער זיין פארלעזונג — דאן וועט דער שיינער חלום פון שאפען א יודישע קונסט פערשוואונדען ווערען. מיר מוזען זעהן אט די ביליגקייט אבצושאפען, מיר מוזען זעהן, אז מענשען אידעאליסטען זאלען אנפיהרען מיט דעם הויכען קולטורעלען אנשטאלט (ער מיינט נישט דערמיט, אז פראפעסאר שאץ איז שולדיג אין דעם מאכען „ביזנעס" מיט דעם „בצלאל", נאר ער ווייזט אן אויף איינינע פינאנסיסטען, וואס האבען זיך אריינגעכאפט אין דעם אנשטאלט) און דאן וועט זיך קענען ענטוויקלען די יודישע קונסט".

די פארלעזונג האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף אלע אנוועזענדע.

דינענסטאג איז דא געפייערט געווארען די ערעפענונג פון א אייגענעם הויז, וואס די חברה „מחנה ישראל הגדולה" האט אויסגעבויט.

די ערעפנונגס־רעדע האט געהאלטען דער בעוואוסטער יודישער כלל־טהוער סער דזשאזעף לייאנס, וועלכער איז גוט בעקאנט אין לאנדאן מיט זיינע 300 טהעע־ און קאפע־הייזער.

דער היפט־פיהרער מר. לייזי, האט איבערגעגעבען צו סער לייאנס א זילבערנעם שליסעל, און געגעבען א קורצען איבערבליק איבער די ענטוויקלונג און פערגאנגענהייט פון דעם פעראיין.

דער פעראיין „מחנה ישראל הגדולה" אבער ווי מען רופט איהם דא „גראנד ארדער אף איזראעל" איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1897 פון 5 מענשען, און איצט האט ער נישט ווייניגער פון 80 אבטהיילונגען אין גאנץ ענגלאנד און צעהלט שוין בערך 17,000 מיטגליעדער. דער פעראיין האט א קאפיטאל פון 20,000 פונט שטערלינג (בערך 200 טויזענד רובל). חאטש זי האט שוין ארויסגעגעבען אויף פערשיעדענע צוועקען 600 פונט.

„איך בעטראכט — זאגט סער לייאנס — דעם ערפאלג פון אונזער פעראיין אלס א וויג פון די יודען אין ענגלאנד, און איך בין צופריעדען צו זעהן ווי אזוי די פאראורטהיילען געגען יודען פערשוואונדען פון טאג צו טאג. מען מוז צוגעבען, אז עס עקזיסטירען נאך גענוג שלעכטע מיינונגען וועגען יודען, צו וועלכע מען האלט זיך אין איין טשעפען, א סימן קען מען האבען פון דעם, וואס אז א יוד בעגעהט א פערברעכען שרייבט מען אלע מאל „סאלאמאן—א יוד, אייזיקס—א יוד א. א. וו." און ווען עס קומט אויס וועגען אנ'ענגלענדער אבער א איירלענדער אדער אנ'אנדערען מענשען, ווערט מען קיינמאל נישט דערמאנען זיין אבשטאמונג. דאס טהוען די צייטונגען דערפאר, וואס ביי יודען ווערען בעגאנגען זעלטען פערברעכענס, און דערפאר מוזען די צייטונגען דעם יודישען נאמען ארויסשטעלען אלס קוריאזיטעט... (געלעכטער).

נאך סער לייאנ'ס רעדע האט זיך דער חנוכת־הבית געשלאסען מיט א פייערליכער צערעמאניע.

מאנטאג איז פון פאריז אנגעקומען קיין לאנדאן די בעקאנטע יודישע דראמאטישע שוישפיעלערין פון ווארשוי אסתר רחל קאמינסקא, וועלכע וועט דא אויפטרעטען אין „פאוויליאן טעאטער" אין גארדינ'ס פיעסען.

אין א געשפרעך מיט דער קאמינסקא האט זי מיר ערקלערט, אז איהר רייזע קיין אויסלאנד מאכט זי איצט צוליעב דעם, כדי אביסעל זיך ארויסצושלאגען פון קאפ די געדאנקען, וואס פייניגען זי נאך אלץ זינט דעם פערלוסט פון איהר יונגער טאכטער רעגינא קאמינסקא.

דא אין לאנדאן בלייבט קאמינסקא בלויז אויף אכט פארשטעלונגען, און דאן פאהרט זי צוריק קיין ווארשוי.

לאנדאן. י. שאפס.

וואס הערט זיך אין לאדז.

די השתדלות פון דער גמינע לטובת יודישע שולען.

מיט א צייט צוריק האט נאך די היעגע יודישע גמינע ערוועקט א השתדלות ביי׳ם פעטריקאווער גובערנאטאר, אז מען זאל א טייל פון שול-עטאט, וואס די פוילישע שול-קאמיסיעס לעגט ארויף אויף די אקציענגעזעלשאפטען מיט יודישע אקציאנערען אבגעבען לטובת די יודישע שולען.

דער גובערנאטאר האט די דאזיגע השתדלות אבגעווארפען. די גמינע האט בעשלאסען צו דערלאנגען א קאסאציע אין סענאט.

יעדע קאסאציע אין סענאט מוז, ווי בעקאנט, פריהער בעטראכט ווערען אין דער גובערנסקער פערוואלטונג.

פארגעסטערן איז אין דער גובערנסקער פערוואלטונג בעטראכט געווארען די קאסאציע און איינגעפונענדיג, אז די מאטיווען זענען גענוג בעגרינדעט, איז זי אריבערגעשיקט געווארען אין סענאט. (ש)

פון דער האנדעלס-וועלט.

די פאריגע וואך זענען געקומען קיין לאדז פיעל גרעסערע סוחרים פון פערשידענע שטעדט אין רוסלאנד. צווישען די אנגעקומענע סוח״ים געפינען זיך אויך די בעוואוסטע סוחרים: י. פאפאיעוו, פאטושקין און טשערניטשענקאוו פון אסטראכאן; האלפערן פון קישיניעוו; ר. פיין פון סטאווראפאל; דניאל ווייגטרויב פון קיעוו און פיעל אנדערע.

די אנגעקומענע סוח״ים קויפען וואָלענע און בוימוואל-סחורות.

וועגען דער „לודקא".

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, האט דער פעטריקאווער גובערנאטאר ערלויבט צו בעפעסטיגען דעם רעכטען ברעג פון דער „לודקא" און דאן עפענען די האלען, וואס האבען זיך דארט געפונען.

וועגען דער פראגע איז פארגעקומען אין מאגיסטראט א זיצונג, צו וועלכער עס זענען איינגעלאדען געווארען די הויזבעזיצער פון רעכטען ברעג „לודקא". די הויזבעזיצער האבען זיך פ״רפליכטעט אויף זייער איינענער רעכנונג דורכצופיהרען די ארבייטען, וואס וועט אבקאסטען 15.000 רובל. די אויפזיכט אויף דער ארבייט וועלען האבען די שטאדטישע אינזשינערען און זי וועט אנגעהויבען ווערען קומענדיגען פריהלינג.

וועגען די פעדאגאגישע קורסען.

דער אינספעקטאר פון דער אלעקסאנדער-שולע ה׳ י. אלעקסאנדראוו בעט אינז מיטצוטיילען, אז פון 15/28 יאנואר ווערען ביי דער שולע געעפענט אוונטען לעהר-קורסען פאר פרויען אויף צו געבען א פעדאגאגישע פארבערייטונג די שילערינס פון עלעמענטארשולען, דער טערמין אויף צו בעזוכען די קורסען איז בעשטימט 6 חדשים און אנגענומען ווילען ווערען פרויען, וועלכע האבען געענדיגט א 7-קלאסיגע גימנאזיע. מעלדונגען ווערען אנגענומען טעגליך אין דער קאנצעלאריע פון דער שולע (פאנסקא 36) פון 5 ביז 7 א זייגער אין אוונד.

א פייערלעשער אבטיילונג אין באלוט.

(נ) דער פראיעקט וועגען גרינדען אין באלוט א ספעציעלע פייער-לעשעראבטיילונג האלט שוין ביים פערטיקליכט ווערען. א דאנק דער סובסידיע פון 10,000 רובל וואס כ׳האט צום רערמאהנטען צוועק געשענקט די „ווארשעווער רעגירונגס פערזיכערונגס-געזעלשאפט".

די פערזאמלונג פון די מאלער-מייסטער.

הינט אין אָוונט [illegible] אין האנד-

ווערקער-קלוב (זאוואדסקא 5) פארקומען אנ׳ארגאניזאציאנס-פערזאמלונג פון די מאלער-מייסטערס, וועלכע האבען בדעה צו גרינדען א פראפעסיאנעלען פעראיין. מען דארף ערווארטען, אז אלע מאלער-מייסטערס וועלען קומען צו דער היינטיגער פערזאמלונג.

הילפס-פעראיין פאר גייסטיג-שוואכע קינדער.

אין לאדז האט זיך געגרינדעט א פעראיין, וועלכער האט זיך געשטעלט פאר זיין אויפגאבע צו עפענען און גיבען א פריוואט און ספעציעלע שולען פאר גייסטיג-שוואכע קינדער, צום דאזיגען פעראיין קענען זיך מעלדען: 1) קינדער מיט זעהר שוואכע פעהיגקייטען, וואס קאנען ניט מיטמאכען דעם קורס אין די געוועהנליכע שולען; 2) נעמטיג-אוננארמאלע קינדער, וואס קאנען ניט ערצויגען ווערען אין געוועהנליכע שולען, ווייל זיי שטערען די איבריגע שילער און 3) פאלשטענדיג שוואכזיניגע קינדער.

די עלטערן פון אזוינע קינדער קענען זיך מעלדען אין איינענעם לאקאל, פריהער עמיגראציאנס-ביורא (ווסבאדניא 29) זונטאג, דינסטאג און דאנערשטאג פון 1—3 נאכמיטאג.

די היינטיגע פארשטעלונג לטובת „אחיעזר".

מיר מאכען אויפמערקזאם, אז היינט אין אוונד וועט אין טעאטער „סקאלא" פארקומען א פערשטעלונג לטובת דעם פעראיין „אחיעזר" און דער סעקציע „לחם לרעבים", געשפילט וועט ווערען די בעליעבטע אפערעטע „די יודישע נשמה" ביי א פאלשטענדיג נייער אויסשטאטונג און מיט בעטייליגונג פון די בעסטע קרעפטען. די קליינע צאהל אייבערגעבליבענע בילעטען קאן מען בעקומען אין קאסע פון טעאטער.

פון יודישען לעהרער-פעראיין.

די פערוואלטונג פון יודישען לעהרער-פעראיין בעט אונז מיטצוטיילען, אז די זיצונגען פון די סעקציעס וועלען פארקומען: יעדען מאנטאג אין אוונד פון דער מאטעמאטישער סעקציע (פארזיצענדערין פריילין האלצמאן און סעקרעטארקע פריילין טרויב) און פון דער „יודאאיקא"-סעקציע (פארזיצענדער ה׳ תאומים און סעקרעטאר ה׳ ג. לוריע); יעדען דינסטאג — די נאטור-וויסענשאפטליכע און געאגראפיע-סעקציע (פארזיצענדער ה׳ בומאנסקי און סעק רעטארקע—פריילין געבראטאוו); יעדען דאנערשטאג—די שפראך-סעקציע (פארזיצענדערין פרוי מארגאליס און סעקרעטאר ה׳ שעוועץ); יעדען שבת — די אלגעמיינ-פעדאגאגישע סעקציע (פארזיצענדער ה׳ נירענבערג און סעקרעטארשע-פריילין האלצמאן).

פערשיעדענעס.

דער היגער בירגער און אינדוסטריעלער קארל האפריכטער און קארל קריינינג זענען אלערהעכסט בעשאנקען געווארען מיט זילבערנע מעדאלען.

— דאס מיניסטעריום פון אינערען האט אבגעווארפען די השתדלות פון לאדזער מאגיסטראט, אז מען זאל דער היגער ליגע צו קעמפען געגען שווינדזוכט ארויסגעבען פון דער שטאדטקאסע א סובסידיע פון 2000 רובל יעהרליך.

— דער בעוואוסטער רייזענדער און צפון-פארשער אמונדסען קומט דעם 4-טען פעברואר קיין לאדז און ער וועט אין קאנצערט-זאל האלטען א פארלעזונג איבער זיינע רייזען.

— דאס מיניסטעריום פון אינערען האט בעשטעטיגט דעם בעשלוס פון מאגיסטראט צו אבגינירען 28000 רובל אויף א דראט-פארקען פאר׳ן סקווער ביי׳ם וואקזאל.

— דער אדרעס-ביורא וועט פון יולי [illegible]

נאס אויף אלגינסקא גאס.

— (י) לויט דער סטאטיסטיק וואס די היגע פאליציי האט צוזאמענגעשטעלט, געפינען זיך איצט אין לאדז 269 פעראיינען. אין די לעצטע דריי יאהר זענען געגרינדעט געווארען 109 נייע פעראיינען.

— (י) דער היגער טעלעפאן-אמט האט אויסגעארבייט א פראיעקט מכטל צו מאכען די ביז איצטיגע טעלעפאןפערבינדונג צווישען לאדז און טאמאשיוו, וועלכע איז אויסגעהאלטען געווארען דורך 11 טאמאשעווער פירמען און אזוי ארום צווינגען די בטעלעפאנונג זיך צו בענוצען מיט׳ן טעלעפאן לאדז-פעטריקאוו, וועלכער געהט איבער טאמאשעוו. דער פראיעקט איז שוין אריבערגעשיקט געווארען דעם נאטשאלניק פון ווארשויער פאכט-און טעלעגראףאקרוג צו בעשטעטיגען.

— דער פעטריקאווער גובערנאטאר האט ערלויבט ה׳ מאניכטער שאך זיין אפטעק פון אנדזשעעוו אריבערצוטראגען קיין אנדערספאל.

— דער ווארשויער גענעראל-גובערנאטאר, גענעראל-אדיוטאנט סקאלאן, דער נאטשאלניק פון מיליטער-שטאב פון ווארשעווער אקרוג, גענעראל-לייטענאנט אראנאווסקי און ד״ר קאנצעלאריעדירעקטאר פון ג״נעראל-גובערנאטאר כארלאמאוו זענען ארויסגעפאהרען קיין פעטערבורג און וועלען זיך בעטייליגען אין דער בעראטונג וועגען לאדזער גובערניע.

— אויף דער פאבריק פון דער פירמע „ברוק, סימאנאווסקי און קאמפ." האבען פ״רשטרייקט 20 ארבייטער, ארויסשטעלענדיג לוינפאדערונגען.

— די פעטריקאווער גובערנסקע קאמיסיע פאר פעראיינס-אנגעלעגענהייטען האט בעשטעטיגט דעם אוסטאוו פון א פעראיין פון די רעסטאראן-בעזיצערס פון דרוטער מדרגה.

— די היגע טראמוואי - געזעלשאפט האט בעשטעלט אין דער קעלנער וואגאן-פאבריק 10 נייע טראמוואיען.

— מיט א קורצער צייט צוריק האט מען בעת רעוויזיעס איין געוועלבער געפונען אין פיעל געוועלבער פאלשע געוויכטער. איצט האבען די היגע סליעדאוואטעלעס בעקומען 50 פראטאקאלען וועגען פאלשע געוויכטער און געגען די שולדיגע וועלען פערפיהרט ווערען פראצעסען.

אונזער פרעמיע.

דער ערשטער באנד פון אונזער זעלטענער פרעמיע, די „יודישע געשיכטע" פון פראפעסאר גרעץ, וועלכע וועט שוין געגעבען ווערען די לעזער פון „לאדזער טאגעבלאט" פון היינט אן, ענטהאלט צוזאמען מיט א גרויסער און זעהר אינטערעסאנטער פארערדע פון הלל צייטלין, 160 דרוק-זייטען.

פרייז פאר די לעזער פון „לאדזער טאגעבלאט", וועלכע וועלען צושטעלען 10 קופאנען נור 20 קאפ.

פון דער באלוטער יודישע לייה און שפאר-קאסע.

(ג) די באלוטער יודישע לייה-און שפאר-קאסע האט היי-יאהר א דאנק דער ענערגישער א־ביים פון ראט און פערוואלטונג געמאכט גרויסע פארטשריטע. דער יעהרליכער אומזאץ פון דער קאסע האט בעטראפען העכער 200,000 רובל. איצט האט די קאסע צו בעקומען פון א פעטערבורגער באנק א הלואה פון 10,000 רובל, מיט וועלכער די פערוואלטונג וויל פערברייטערן די טעטיגקייט פון דער קאסע צווישען אנדערע אויך אנהויבען ארויסצוגעבען הלואות ביז 600 רובל. אין צוזאמענהאנג מיט דער הלואה פון פעטערבורג ערווארטעט די פערוואלטונג דעם פערטרעטער פון דער באנק ה׳ סיגאל, וועלכער קומט די טעג קיין לאדז.

די גענעראל-פערזאמלונג פון „שאך-קלוב".

(נ) נעכטען ארום 6 א זייגער אין אוונד איז אין איינענעם לאקאל פון „שאך-קלוב" (פעטריקאווער 56) פארגעקומען די יעהרליכע פערזאמלונג. אלס פארזיצענדער איז עוזהלט געווארען ה׳ י. רוזשאנסקי, אלס בייזיצענדער לארענט מר אזוי די ה״ח לעווענשטיין און קאשנער, אלס סעקרעטאר ה׳ ל. דער.

נאכ־עס מי ס ווערט בעשעשטעט דער טעטיגקייטס-בעריכט פאר׳ן פערגאנגענעם יאהר ווערט אויך אנגענומען דער בודזשעט אויפ׳ן 1914 יאהר.

פער אקלאמאציע ווערען דערויף געוועהלט די ה״ח ש. ראזענבלאט אלס וויצע-פרעזעס אויפ׳ן ארט פון פערשטארבענעם ס. גראנע און אלס מיטגליעדער די ה״ח ה. שטולערמאן, פרויערגעיאן און ס. א. וויינראיך אויפ׳ן ארט פון ריכטער אולנוצקי, וועלכער האט זיך אבגעזאגט פון זיין מאנדאט און געוועהלט געווארען ה׳ מ. לעווושטיין. אלס קאנדידאטען זענען געוועהלט געווארען די ה״ח ס. זילבערשטיין, א. פלאטצערג און ס. ח. חאלפערן. אין רעוויזיאנס-קאמיסיע די געוועזענע מיטגליעדער.

בעת׳ן עפענען די פערזאמלונג האט דער פרעזעס געהאלטען א לענגערע רעדע וועגען פערלוסט, וואס דער פעראיין האט געהאט דורכ׳ן טויט פון וויצע-פרעזעס ס. גראנע ז״ל און לויט זיין פארשלאג האבען די פערזאמלעטע געעהרט דורך אויפשטעהן דעם אנדענקען פון פערשטארבענעם.

רעגיסטראציאנס-ביכלעך.

(י) ווי בעקאנט, האט מען אין פאריגען יאהר איינגעפיהרט רעגיסטראציאנס-ביכלעך פאר די יודישע סוחרים אין וואיאזשארען. אין לאדז האט די פאליציי געהאט ארויסגעגעבען אין פאריגען יאהר איננאנצען 189 רעגיסטראציאנס-ביכלעך.

אין דעם יאהר האט מען שוין ארויסגענומען אין פאליצייאמט קאנצעלאריע 74 רעגיסטראציאנס-ביכלעך. מען רעכענט, אז דאס יאהר וועט מען ארויסנעהמען פיעל מעהר ווי אין פאריגען יאהר און בעזונדערס וועט מען ארויסנעהמען רעגיסטראציאנס-ביכלעך איידער די וואיאזשארען וועלען ארויספאהרען אויף דער רייזע.

פון „קאסינא".

אינ׳ם עלעגאנטען קינאמאטאגראפעןטעאטער „קאסינא" ווערען היינט דעמאנסטרירט צוויי גרויסע קונסטווערק: „דער קינזאל אלס ריכטער" און „דער פרייער פויגעל" מיט דער בעריהמטער רוסישער שוישפילערין פרל. מיטערנאווא אין די הויפט-ראליען.

אין ניכען וועט אין „קאסינא" אויפגעפיהרט ווערען איינס פון די זעלטענסטע וואונדער-ווערק אין דער קינעמאטאגראפיע, וועלכע שטייגט נאך אייבער „קווא-וואדיס" מיט איהרע אויסערגעוועהנליך רייכע בילדער און שפאנענדע מאמענטען „די העררין פון נילוס" אדער „קלעאפאטרא".

פון „ביקור חולים".

(נ) די טעטיגקייט פון „ביקור חולים" פאר׳ן לעצטען יאהר שטעלט זיך פאר אין פאלגענדען:

אין סאנאטאריום „אוזדראוויסקא", וואס דער פעראיין האלט אויף, האבען זיך אין פערלויף פון זומער געפונען 5 פארטיעס קראנקע, וועלכע זענען בעשטאנען פון 234 פרויען און 104 מענער, צוזאמען 338 פערזאן. אויסהאלטען דאס סאנאטאריום האט געקאסט 12,855 רובל מיט 86 קאפ. אויסער סאנאטאריום האט ד״ר פעראיין אויך ארויסגעשיקט א בריימע טעטיגקייט ביי׳ם העלפען קראנקע אין שטאדט. צום אויבענדערמאהנטען צוועק האט דער פעראיין ערטיילט 8772 דאקטוירים-וויזיטען ביי די קראנקע און 4093 וויזיטען ביי די דאקטוירים און דערהיים אויסגעדעם 420 קאנסוליומס. פלענע האט דער פעראיין צוטיילט: מילך— 14493 פלאשען, קעפיר—4310 פלאשען, צוקער—1667 פונט, מעה—8334 לויט, ווין און קאניאק—70 פלאשען, 100 קוירץ קיהלען און פלייש, מעדיצינען האט דער פעראיין ארויסגעגעבען 13,257. אויסער דעם האט דער פעראיין ארויסגעגעבען צו בעדער געוועהנליך זאלץ—6682 פינט און 2146 פונט טשעכאטשינקער זאלץ א. או. וו. די אויסגאבען האבען בעטראפען 17962 רובל מיט 56 קאפ.

א טראגעדיע פון א יודישע נשמה.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האט זיך א געוויסער וו. ש. וואס האט זיך דעם פערגאנגענעם ווטער געשמד׳ט, געווענדעט איצט מיט א ביטע צום גובערנאטאר, אז ער זאל איהם ערלויבען זיך צו אומקעהרען צום יודענטהום. וועגען דער געשיכטע טיילט מען אונז מיט נאך פאלגענדע כאראקטעריסטישע פרטים:

וו. ש. איז זעהר א נ׳אויסוויסענדער מענש, בעת ער איז אלט געווען 18 יאהר האט ער זיך צוקריגעט מיט זיינע עלטערן, וועלכע האבען געוואוינט אין דער גמינע פוטשניצה (ראדזער איעזד) און איז אנטלאפען אין גוט הארביצע, וואו ער האט זיך פערדינגען ביי׳ם פריץ ק. אלס קוטשער. דער פריץ האט אנגעהויבען צו צושטעהען צו זיין יודישען קוטשער, אז ער זאל זיך שמד׳ען צוזאגענדיג איהם א העלפט פון זיין פערמעגען און אויך זיין טאכטער פאר א ווייב. דער אגנמיסענדער קוטשער האט זיך געלאזט איינרעדען פון פרומען פריץ און איז צוזאמען מיט איהם געקומען קיין לאדז אין קאשטשיאל „שט. יוזעף" אויף אגנראדאווא גאס, וואו ער האט זיך געשמד׳ט און אנגענומען דעם נאמען פון קאשטשיאל „יוזעף". דער פריץ איז אויך אליין געווען טוף-פאטער. אין עטליכע טעג ארום האט זיך דער איבערגעגרעדטער משומד ארומגעזעהען, אז דער פריץ האט איהם בלויז גענארט מיט זיינע „גאלדענע הבטחות". דער פאטער פון משומד, זעהר אנ׳ ארענטליכער יוד, דערוויסענדיג זיך פון זיין וזהנ׳ס שמד האט ער זיך שטארק גענומען צום הארץ און אין איניגע טעג ארום איז ער פון גרויס ווייטאג און פערדרוס געשטארבען.

דעם אבגעקארטען משומד האט אנגעהויבען צו פיינינ־ן דאס געוויסען פאר זיין איבערגעלעבטען שריט, וואס האט געבראכט זיין פאטער אין קבר ארייין, דערצו נאך האט איהם דער פריץ אנגעהויבען שטארק צו רודפ׳ן און ענדליך איהם איננאנצען פערטריבען פון זיין הויף. אנ׳עלענדער און פערצווייפעלטער איז דער משומד געקומען קיין לאדז און זיך געווענדעט צו איניגע יודען, אז זיי זאלען איהם העלפען צוריקצוקעהרען צום יודענטום. די לעצטע האבען איהם דערביי צוגעזאגט. ווי בעוואוסט האט א משומד דאס רעכט צוריק צו ווערען א ייד ווען א רב איז מסכים איהם ווידער צו צורעכענען צו דער יודישער גמינע, די פאליציי פערמאליטעטען מוזען אבער ערלעדיגט ווערען דורכ׳ן גובערנאטאר. דער משומד-בעלתשובה פאחרט דערוויל ארום צו פערשיעדענע רביים, אז זיי זאלען איהם מוחל זיין פאר זיין בעגאנגענעם פעהלער. (ג)

שרפות.

[א פאבריק-שרפה]. פרייטאג ארום 11 א זייגער אין אוונט האט אויסגעבראכען א שרפה אין דער שפינעריי פון דער פירמע „פרוזי און הורוויץ", וועלכע געפינט זיך איינגעפאכטעט אויפ׳ן פאבריק-טעריטאריום פון י. בירנבוים (ניקאלאיעווער 3). דאס פייער האט זיך שנעל פערשפרייט און ווען די פייערלעשער זענען אנגעקומען, איז די גאנצע פאבריק שוין געשטאנען אין פלאמען. די פייערלעשער פון די פערשיעדענע צוגען האבען מיט פעראיינטע קרעפטען געגומען לעשען דאס פייער און אין משך פון 2 שעה האט זיך זיי איינגעגעבען איינצולעשען די שרפה. דער שאדען בעטרעפט 50 000 רובל.

טעאטער און מוזיק.

דער פאלקסטימליכער אווענד

דער פאלקסטימליכער אוונד, וועלכער וועט פארקומען קומענדיגען פרייטאג, דעם 30-טען יאניאר אין גרויסען קאנצערט-זאל האט ארויסגערופען און שטארק א גרויסען אינטערעס.

אין ליטעראריש ען טייל פון אוונד וועלען זיך בעטייליגען: דער בעוואוסטער יודישער פאלקס-שרייבער ס. ספעקטאר, וועלכער נעהערט צו די עלטעסטע יודישע שריפטשטעלער און דער בעליעבטער שריפטשטעלער און הומאריסט ז. ווענדראף, וועלכער איז אויך א פראכטפולער פארטראגס-קינסטלער. דער מוזיקאלישער טייל פון פראגראם וועט אויסגעפיהרט ווערען דורכ׳ן פאפולערען יודישען פאלקס-זינגער מ. קיפנים און דורך דער בעוואוסטער ווארשויער זינגערין פרוי רוקינער. ביידע וועלען זינגען יודישע פאלקסלידער סאלא און דועטען. בילעטען צום אוונד בעקומט מען אין ביכהאנדלונג „בצלאל" (ציעגעל גאס № 37).

רעדאקטאר: י. איגער.
ארויסגעבער: ע. האמבירסקי. א. טענענבוים.

גרויסעס טהעאטער
דיר. י. זאנדבערג.

היינט זונטאג אויף אלגעמיינעם פערלאנג פונ׳ם געעהרטען פובליקום ווערט געשפ. די אפערעטע מוזיק פון זשאן זילבערס
מיט ה׳ לעבעדיעוו אין דער הויפט-ראלע אלס האנס שולץ (פופכען).

פופכען

נייעס! נייעס! אין צווייטען אקט ווערדען פרל. אריעל און ה׳ לעבעדיעוו טאנצען דען נייעסטען מאדערנען סאלאן-טאנץ טאנגא

מארגען מאנטאג 14-טע פאפולערע פארשטעלונג פאר׳ן האנדווערקער-קלוב געשפ. ווערט צום צווייטען מאל די זעהר אינטערעס. מעלאדראמא פון מר׳ קעסלער

„די ענדע פון ליעבע"

בילעטען ביי זעהר ביליגע פרייזען בעקומט מען ביז מארגען מאנטאג 5 א זייגער פארנאכט אין מאגאזין ביי ה׳ ליקיערמאן, דזשיעלנא 2, ווי אויך אין לאקאל פונ׳ם קלוב, זאוואדזקא 5.

אכטונג! די טעג ווערט אויפגעפיהרט צום 1-טען מאל שעקספיער׳ס „אטעללא"
מיט אונזער ליעבען גאסט דעם גרויסען קינסטלער
מר. מאריס וואקסמאן אלס „אטעללא".

אכטונג! מיטוואך דעם 15/28 יאנואר אכטונג!
גרויסער בענעפיס און עהרען-אווענד
פון בעוואוסטען און בעליעבטען כאראקטער-שוישפיעלער
וואלף זילבערבערג
ס׳ווערט אויפגעפיהרט צום ערשטען מאל אין רוסלאנד דאס גרעסטע מייסטערווערק פון פאָפולערען שרייבער ריכארד פאס איבערזעצט פון ח. זילבערבערג

דניאל דניאלי

די טראגעדיע פון א משומד.
צום שלוס א גרויסער דיווערטיסמענט אין „טאנגא".

בעמערקונג: יעדער איינציגער וואס קויפט א בילעט בעקומט גראטיס זיעבען פאזען פונ׳ם בעציעהונג צום טאנגא. בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון גרויסען טהעאטער.

הערט!

קענען די לעזער פון „לאדזער טאגעבלאט", וועלכע שטעלען צו 10 קופאנס, בעקומען דעם ערשטען באנד פון דער יודישער געשיכטע פון פראפעסאר גרעץ

פיר דעם שפאט ביליגען פרייז ווי נור 20 קאפ. פאר א באנד.

טעאטער „סקאלא“

דירעקציאן
י. אדלער, ה. סטראצקי

היינט זונטאג װעט געשפ. „אחיעזר“ ... פון פעראיין „אחיעזר“
מיט אנטייל פרױען
ז. גאלדשטיין, עמיליע אדלער
די עפעקטפולע אפערעטע װעלכע נעהמט בײ אונז בײ
א נײע אויסשטאטונג

די יודישע נשמה

אין 4 אקטען פון ... בארים טאמאשעווסקי.

דאס בעריהמטע נאציאנאלע ליד „עס בענקט א היים“ װערט װידערגעגעבן דורך פר. גאלדשטיין, אין בעגלײטונג פון ערקעסטער ... גלאקען.

מערקט דעם ריזען פערזאנאל: ראלען: פײגעלע—פר. גאלדשטײן, גרעפין ראמאצי—פר. אדלער, גאלדע—פר. בלײכמאן, יאכעבעד—פר. ליפמאן א. א. שמואל גאלדעס—ה' אדלער, אבראשא—ה' סיעראצקי, באראן לאַ־ענק—ה' ליפמאן, פירסט מאראנטש—ה' ברײטמאן,

גראף זאראסמא—ה' טײטעלמאן, באראן דע־לא־מאר—ה' ראקאװ, שפורמאן—ה' בערמאן, ריינטרמאן—ה' װאנגער, בעריל—ה' בלײכמאן, שמעריל—ה' יעַ־חאב, רב—ה' קאנבערמאנגאזים א. א.

מיטוואך דען 28 (15) יאנואר װעט פארקומען דער בענעפיס פון מאלאנטפולען שױשפילער ה' ליפמאן עס װעט געשפילט װערען שעקספירס טראגעדיע „אטעללא“, הויפט־ראלען: אטעלא—ה' אדלער, יאגא—ה' ליפמאן, דעזעמאנא—פר. עמיליע אדלער א. ז. װ.
בילעטען אויף די אלע פארשטעלונגען זײנען צו בעקומען בײ דער קאסע פון טעאטער „סקאלא“.
דירעזשאר י. װײנאקור. דעקאראטאר בלאך. געשעפטס־פיהרער ס. קופרינאװ.

„קאסינא“

היינט און מארגען (אינקלוזיווע)
גרױסעס 2־שטונדיגעס פראגראם. װעלכעס ענטהאלט 2 גרױסע דראמען:

דער פרײער פױגעל — דער קרבן פון ליעבע

ערשטקלאסיגע דראמא אין 8 טײלען אויס דער „רוסישער סעריע“ מיט דער בעװאוסטער „משערנאװא“ אין דער הויפט־ראלע.
פראנצויזישע קאמעדיע מיט „מאריץ“ דער ליעבלינג פון פובליקום אין דער הויפט־ראלע.

אויסער פראגראם: אונטער דעם שלײער פונ'ם נאר ריהרענדעס דראמא אין אויספיהרונג פון די בעסטע „צוגעט־ארטיסטען, פון דעם צירק ליעבען.

צוזאמענשטויס פון א ברענענדע צוג מיט אן אויטאמאביל.

פאפולערע פרײזען. אנערקענט אלס די בעסטע מוזיק פון שטאדט.

העמארידען

הפלט ראדיקאל און שנעל, שטעלט אב די בלוטונג
ראטעלין־העבדא
צופלעך װעלכע ענטהאלטען נור מיטלען פון נעזיקעס פרײז 1,25
צו בעקומען אין אפטייקען און סקלאד־אפטעקענס. 20 2 5065

צו פערמיטהען

פאס 1 (14) יולי 4 גרױסע פאבריקס־זעלע 1 גרױסער לאקאל געאײגנעט פיר קינעמאטאגראף מיט צירקא 1000 פלעצער, גרױסער רוים געאײגנט פיר שולע װי אויך אײן גרױסער לאדען װאו זיך יעצט אײן פאפיער געשעפט בעפינדעט. אין צענטרום דער שטאדט. צו ערפאהרען בײ א. קארטאזינקי, קאנסטאנטינער 6, טעלעפאן 28-01 טעגליך פון 1—3 מיטאג, און אבענדס פון 7—9.
8917

נאך קורצען שווערען ליידען פערשיעד אונזער ליעבער זאהן אונד ברודער

נ"ע עדוואַרד בעלמאַן

3943

אים בליהענדעם אלטער פון 26 יאהרען. די בעערדיגונג פינדעט פאם טהרה־הויז ביים פריעדהאף הײנט זונטאג אום 11 אוהר פארמיטאגס שטאטט. װאפאן אלען פרײנדען, בעקאנטען אונד פערוואנדטען אין קענטניס זעצען

די טיעפטרויערנדע הינטערבליעבענע.

איבער וואס

װעט לאדז רעדען אין די קומענדע טעג?

דאס פילמוואונדער

דער װעלט.

עצות

אין אלע אנגעלעגענהײטען

אויף אלערלײ ספראווס און געריכטס־פיהרונגען הי: ציווילע, קרימינעלע, אדמיניסטראטיווע (מיליטער־אנגעלעגענהייטען נאך די נײסטע געזעצען, סיוואטרעשעניעס, היפאטעקען, ווירא־ען, קאנקורסען, זאטשיטאניעס, פאטענטירונג פון קרעדיטאנגען, ראדע־פאמיליעס, ירושה־ואכען א.ז.װ., א.ז.װ.) אויך אלע ארט שתדלנות'ער אין אלע רעגירונגס־אנשטאלטען, פיהרט אויס דער פראקטיצירטער אדוואקאט מיט העכסטע יורידישע בילדונג (דר. דער רעכטע—
ג. װײנבערג דאקטוירלעבעס נעקבען זיך אויך א ביורא װאו עס װערען צוזאמענגעשטעלט פון א ספעציאליסט פראשעניעס אויף אלערלײ יורידישע ספראווקעס (קאנטראקטען א.ז.װ.). די קאנצעלאריע איז אפען א גאנצען טאג און געפינט זיך אויף דלוגא 77 (עק פעטריקאװער) טעלעפאן 21-66. פערזענליך ביז 11 פריה און פון 2 ביז 10 אבענד.
Doctor der Rechte Advokat N. M. WEINBERG, Długa 77, W. 16. 5006

היינט זונטאג דען 25/1 װירד געגעבען א פארשטעלונג אין סקאלא טהעאטער פאר'ן פעראיין
„אחיעזר“ און סעקציאן „לחם לרעבים“
„די יודישע נשמה“
געשפילט װעט װערען די בעליעבטע אפערעטע
װיר האפען, די געזעלשאפט װעט נעהמען שטיצע אונזער פעראיין און ענגען אנ'אנטײל נעהמען אין אינזער פארשטעלונג. די מיטגליעדער, װעלכע האבען ניט בעקומען קײן בילעטען צוגעשיקט, זאלען קויפען אין קאסע פון טהעאטער.
די פערוואלטונג „אחיעזר“ און דעם סעקציאן „לחם לרעבים“. 5071

בעקאנטמאכונג.

צו דער בעקוועמליכקייט פון מיינע קונדען פון דעציל און הורט־געשעפט פון דעם לאנג־עגזיסטירענדעם געשעפט פון
װאטאוועס דעקעס און פילצדעקעס
אויך פערש. פעדירען, ד. שײבע, אנראדאװא 1 האב איך געעפנט א פערקויף אויף פעטריקויער 14 № געבר. שײבע
לינקס 2 שמאק אונטער דער פירמא פירמא ד. שייבע, בלייבט װי פריהער אויף אנראדאװא 1.
3900 3 2

Преподаватель русскаго языка по методу Берлица

И Красницкій принимаетъ уроки у себя и у учен. на дому Исправленіе малоуспѣшныхъ, приготовленіе къ экзаменамъ на званіе. Долголѣтняя практика по методу Берлица и предметамъ гимназическаго курса. Видѣть: 10—12 ч. у. 6—8 ч. веч. Константиновская 46, кв. 8. 3933

אין מאנכע יעדען פרויאטדעסקאנטער העקסלען מיט מיינער אונטערשריפט אדער מיט סמנער זשירא צו דיסקאנטירען אויסער, װען איך װעל פערנעל'ך קומען צו דעמיגניגען, װעלכער װיל דיסקאנטירען, זאנסט בין איך פיר די אונטערשריפט אדער זשירא ניט פעראנטװארטליך.
הערש יאקאבאוויטש, פעלצגנא 19. 3 2 3932

גלאבין — גלאבין

אין דאס בעסטע שוה־פאסטע אויף דער װעלט. ערהאלט די שוהע שעהן און דויערהאפט.
אין עכט נור מיט א גאלדענעם באנדעראל און אויפשריפט
מ. קרעל.
1274

בעקאנטמאכונג.

די פערוואלטונג פון דער קליניק ביים „לינת החולים“ פאלודניאװא 19, מעלדעט היעדורך מיט דער ארמען יודישען בעפעלקערונג, דאס יעדע ארמע פרוי, װעלכע װיל אין קימפעט בײ זיך צו הויזע בעקומען שטיצע פון פעראײן, מוז זיך מעלדען מיט 2 װאכען פריהער אום צו בעקומען א צעטעל, אימפאלס ניט, װירד די פערוואלטונג געצװאונגען זײן די הילפע צו ענטזאגען. דער פעראײן שטעהט צו דיענסטען פיר די ארמע קינפעטארינס מיט אקושערקעס, פעלעגע אויך א דאקטאר.

אין סקלאד אפטעקע

10 זאװאדזקא 10
8949
בעקומט מען א װילגרעס מיטעל געגען פערשטאפונג, איין נוטעס מיטעל געגען נערװען און מאגען־שװעכע, פלאסטער פאר פרױען, װעלכע לײדען אין פערהערטונג דער ברוסטען און געשװירע, זיך װעלבסט צו קורירען. א װילגרעס מיטעל געגען הינערוינען װי אויך געגען שמוצען פון פים און הענד, א גוטעס מיטעל געגען װערעם און מאגען צו פערטילגען, אויס׳ס דאסער איבער פרישע אויסלענדישע װאסערן אלע װארעמע בעלײג. מעגליך פרישן קעפיר צו קוריר'ען, אויך גוטע געפאסטע אויסלענדישע בוילבא׳ דען און גוטע געפאסטע בוילבענדער צו בעקומען בײ װאלמאן זאװאדזקא 10

אין סקלאד אפטעקע

עמפפעהלט פיר גאנצען װינטער פרישען בראן. קינדער, װעלכע פערבראכען ניט קײן בראן װירד דורך איין שמאקהאפטיגעס מיטעל ערװעצט.

צור פערלאבונג פון פרל.
רוזשא ביגעלאײזען
מיט הערן בערנארד קאהן
גראטולירען הערצליכסט
און װינשען עהיגעס גליק
די גאנצע פאמיליע ביגעלאײזען.
5064

ביכערארײנפיהרונגען, נאכטראגונגען, אבשליסע, בילאנצען
איבערנימט ערפאהרענער עס עמיערנהאפט טער בוכהאלטער צו מעסיגען האנאראר, זאװאדזקא 5 װאהנ. 7. 3 10 3897

א גרוים צימער פארטער
צו פערמיעטען, פעטריקויער 60. 5 3

א צימער פארטער
צו פערדינגען, צעגעלניאנא 33. 5 3

א לאדען אין הויף
צו פערמיעטען, פעטריקויער 16. 5 3

א קעלער־שטוב און א רעמיזע
צו פערדינגען, פאסאש שולץ 19. 5 3

היימישע מיטאגע

פריש, געשמאק, היגיעניש בעקומט מען בײ ט. קושינסקי זאװאדזקא 9 װ. 23 פארטער. װי אויך 2 יונגע־לײט צום שלאפען. 3 2 3939

פון אויסלאנד צוריקגעקעהרט
דר. לעווקאוויטש
הויט װענערישע בלאזען־לײדען אונד מענער שוואכע, בײ סיפיליס 606—!
טריפער־היילונג אהן שפריצעניעס
לויט א נײע מעטאדע (קאנטראלירט) נער שטר. 2 נעבען װעליגס טעאטער שפרעכשטונדען: פון 9—1 אונד פון 6—8 נאכט. דאמען פון 5—6.

הירורגישער פעלדשער
מ. ראזענצווייג
בעגעבט זיך װײטער מיט דער פעלדשער־פראקסיס
נעהמענדיג... װאסכאדניא 29, טעלעפ. 31-80.
4902

Хаимъ Ицхокъ Аврамовъ Марковичъ потерялъ свой паспортъ, выдан. гор. Томашовъ, Петроков. губ. Отдать въ полицію. 3 2 3873

פפאפענהאמאשינע
צום שטיקען נעגען גאראנטיע פון 50 ר. אן פעטריקויער 165 טעלעפאן 33-12
10-4 3726

הענדלער און גלאקענמאכער

קויפט ניטש בײ די גאנץ קײן האפער דען בײ מיר איז די ערשטע קװעלע פון פערשיעדענע עלעקטרישע מאשינלאמפען זשאראזקעס, באטעריען, ...
עמנואל קאליסקי, פאלודניאװא 2
8946 ... טעל. 16-31.

6000 רובל

זוכען באלד אהנקצוגעבען פאר בײלינע צינזען אויף ערשטע היפאטעק. אויך גרעסערע בעטרעגע.
פאלודניאװא 20 װ. 47. 8768

וויכטיגעס.

ס׳װערט אנגענומען הערען צום שניידען פרײז 20 קפ. ... צו 8 קפ. ... פעטריקויער 25 № אין הויף.
8949 3 1

שוינט אייער געלד!

קומט און איבערצייגט אייך!
גוואלדריסען, לעקער און פערש. ... פרײזען ...
31 № 4 ...
1223613

ד"ר זילבערשטראם
Dr. J. Silberstrom
12 זאװאדזקא 13
הויט נעשלעכטס אונד װענערישע קראנקהײטען. (בעהאנדלונג מיט עהרליך־האטא (914—606) ...
א. ז. װ. 12—2½, 5—8 ... 4—11

מעבעל־איינריכטונגען

טיעפטע און מאדערנסטע סטילע, אויס פײנסטען טראקענסטעם האלץ אין גרויסען אויסוואהל, עמפפעהלט די זײט 35 יאהרען עקזיסטירענדע מעבעל־פירמא

מ. טערקעלטויב, זאװאדזקא № 5

גאראנטירע פיר מײנע ארבײט. — בעזיצע קײנע פיליאלען. —

„טאנגא“

עס זינד אין דען בעוואוסטען דאמען־אטעליער
„Mona-Lisa“
לאדז, זאװאדזקא 40
אנגעקומען די לעצטע נײהײטען דער טאנגא־מאדע און דאדורך הערען דארט די פײנסטען דאמען־גארדעראבען פערפערטיגט.

דער בעוואוסטער מארגאזי רינגער

צירק דעקאדאנס

היינט זונטאג

2 פייערטאגס־פארשטעלונגען 2

8 זײגער בײ טאג און האלב 9 אבענדס. אין בײדע פארשטעלונגען נעהמען אנטײל דאס גאנצע פערזאנאל און נײע דעביוטאנטען.
בײ טאג האט יעדער דאס רעכט מיטצונעהמען 2 קינדער אומזאנסט.
הײנט אבענדס קעמפען 4 פאר: 1) ראיקאװיץ—עקס־מאסקע. 2) מאלער—װילדמאן. 3) פאול אבס—טאם ושאקסאן. 4) מעאדער באגאנס—פאגאנגיני.
אנפאנג פון רינגקאמפף פינקטליך 10 אוהר אבענדס.
דער צירק װערט בעהײצט.

דר. ל. פריבולסקי

פאלודניאװא 2. טעל. 13-59.
ספעציאל־ארצט פיר הויט, װענערישע אורין האאר־קראנקהײטען און מענער־שוואכע אויף קאסמעטישע פעלעגע. בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 914-606 אהנע בערופס שטערונג. טריפער־היילונג אהן שפריצענניעס. היילונג מיט עלעקטריציטעט אונד װיבראציאנס־מאסאזש. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד 4—8 פיר דאמען 5—6.

Dr. Trachtenherz
זאװאדזקא 6.
טעל. 34-76
געוו. אסיסטענט דער פעטערסבורגער ספעציעלען שטאדט שפיטעלע. ספעציאל־ארצט פיר סיפיליס הויט װענערישע קראנקהײטען אונד מענערשוואכע. בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 606—914 הײלונג מיט עלעקטריציטעט. שפרעכשטונדען פון 8—2 און 6—9 דאמען פון 4 ביז 5. בעזונדערע װארטע־ציממער.
1467

בעקאנטמאכונג.

מעלע ערגעבענסט מיט, דאס איך האבע ערעפנעט נאװאמיעסקא 6 אין הויף, רעכטס 1 שטאק א
פאסט־עקספעדיציאנס־ביורא
װאו זעמטליכע פאסט־אנגעלעגענהײטען װי: אננאהמע צו בעזארגען געלד, זאקאזנע בריעף, פאסילקעס, אבצונעהמען געלד פון דער פאסט שנעל און פראמפט בעזארגט װערען. בעזארגע אויך זאקאזנע אין געװעהנליכע בריעף צו אלע באהנען מיט א האלבע שעה פאר'ן צוג־אבגאנג. פאסילקען און פאקעטען קענען אויך בײ מיר פערפאקט װערען. אפען טעגליך פון 8 פריה ביז 10 אבענדס. אכטונגספאל ג. פרענקעל, נאװאמיעסקא 6.
3061

א קלײנע שטוב און קיך
3־מען שטאק צו פערמיעטען, פעטריקויער שטר. 60. 5 3

Майеръ Хиль Борнштейнъ потерялъ свой паспортъ, выдан. маг. гор. Кѣльцы. Отдать въ полицію. 3893 3 3

Dr. med. I. Izykson
ד"ר מעד. י. איציקסאן
אלעקסאנדראװסקא 37
אינערע און קינדער־קראנקהײטען.
עמפפאנג פון 10 ביז 12 פרים. און פון 5 ביז 7 נאכמיטאג.
5060

FUCHS צאהן־ארצט
Lodz, Eenedykta 2, (הויז ה' ראזענבלאט)
נעװעזענער הויפט־אסיסטענט בײם הויף־צאהן־ארצט Engel אין בערלין,
זײט 10 יעהריגער פראקסיס אין אויסלאנד (דייטשלאנד, ענגלאנד, שװייצ) האט זיך היער בעזעצט. שמערצלאזע צאהנבעהאנדלונג דורך ספעציעלע מעטאדען און אפאראטען. צאהנציהען דורך נאזאפאראט נארקאזע אהנע שמערצען. ...
... ליכטטאנאטען ...
ליפען א. ד. ג.

מעבעל
3945
פון 3 צימער און קיך, בעשטעהענד אויס שאנק, בעטען מיט מאטראצען, קרעדענץ, טיש, שטיהל, שפיגעל, קאמאדע, שרײבטיש, ... צו פערקויפען. פאלודניאװא 24 װ. 1 אין מיטער פארטער רעכטס.
3840

אקושעריו־מאסאזשיסטין
דיפלאמירט פון הײזערל. מעדיצינ־אקאדעמיע אין פעטערסבורג נעהמט אן מאסאזש, געבורטען ביים נאכט הויט־אונשפרינגונגען, ערטיילט ראט אונד הילפע ... אנדזשיא 39, װ. 13, פון 12—8.
3931 10 2

פעמים אנגעלעגענהײטען ... בערנער ... שטר. 33 ... צו קלײנע בײ ... לערנונגס געזוכט.
3944 2 1

... אויך מײדלעך צו קלײנע בײ שבעלע ... 3947 1 .52

Тип. М. Гамбурскій и Ко., Лодзь, Петр. 16.
Редакторъ: И. Угеръ. Издатели: Э. Гамбурскій, А. Текенбаумъ

טערגרער שטימע:

— ענטפער, קעסעלבאַך! אויב דו וועסט איינשטימען, וועל איך אין אכט און פֿיערציג שטונדען אַרום אויפֿוועקען דיין פֿיער לעדיוק. וואָרום דער גאַנצער עיקר איז דאָך ער! ענטפֿער ושע! וואָס ווייסטו וועגען איהם? פֿאַרוואָס ווכסטו איהם אַרום? איין וואָרט, יאָ אָדער ניין?

— ניין.

— צום לעצטען מאָל פֿרעג איך דיך: יאָ אָדער ניין?

— ניין.

— הערר קעסעלבאַך, איצט איז אָהן אכט מינוט דריי, אויב איהר וועט אין אכט מינוט אַרום נישט ענטפֿערן, וועט איהר שטאַרבען.

III.

דער מאָרד.

צומאָרגענס פֿריה, אין דער בעשטימטער שטונדע איז דער אינספעקטאָר פֿון געהיים-פּאָליציי גורעל געקומען אין פּאַלאַס-האָטעל.

נישט וועלענדיג זיך בענוצען מיט דער ווינדע, האָט ער, נישט אָבשטעלענדיג זיך, זיך געלאָזט דורך די טרעפּ צום פֿיערטען עטאַזש. דאָרט האָט ער זיך געווענדעט רעכטס און אָנגעקלונגען ביי דער טהיר № 415.

גאָר קיין מינדסטער קלאַנג האָט אויף זיין קלונג נישט געענטפֿערט. אז ער האָט אָנגעקלונגען נאָך עטליכע מאָל און איז אַלץ געבליבען אָהן ענטפֿער, איז ער אַריין אין קאַנטאָר פֿון דעם זעלבען עטאַזש און זיך געווענדעט צום מעטר-ד'האָטעל, וואָס איז דאָרט געווען.

— זאָגט מיר, איז הערר קעסעלבאַך ביי זיך? איך האָב אַ מאָל צעהן געקלונגען צו איהם.

— הערר קעסעלבאַך האָט אין דער היים נישט גענעכטיגט. צום לעצטען מאָל האָבען מיר איהם געזעהן נעכטען נאָכמיטאָג.

— נו, און זיין דינער און דער סעקרעטאַר?

— זיי האָבען מיר אויך נישט געזעהן.

— האָבען זיי אַלזאָ אויך אין האָטעל נישט גענעכטיגט?

— מסתּמא.

— מסתּמא. נאָר איהר זענט דאָך מחויב דאָס צו וויסען.

— פֿאַר וואָס? הערר קעסעלבאַך וואָרט נישט גערעכענט צווישען די האָטעל-געסט. ער פֿערנעהמט אַ בעזונדערע אָבטהיילונג, ער האָט זיך זיינע אייגענע דינערשאַפֿט און עס געהט אונז נישט אָן, וואָס ביי איהם קומט פֿאָר.

גורעל איז געווען אין פֿערלעגענהייט. ער איז געקומען מיט אַ בעשטימטער שליחות, וואָס אין איהרע גרענעצען האָט ער געטענט ווירקען. אויסער די דאָזיגע גרענעצען האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו טהון.

— אַח, ווען דער שעף פֿון געהיים-פּאָליציי אַליין זאָל דאָ זיין,—האָט ער אַ זאָג געטהון ווי פֿאַר זיך.

ער האָט דערלאַנגט זיין וויזיט-קאַרטע און אויף יעדענפֿאַלס געפֿרעגט:

— איהר האָט נישט געזעהן, צי זיי זענען צוריקגעקומען?

— ניין, נישט געזעהן.

— נאָר איהר האָט געזעהן, ווי זיי זענען אוועק?

— אויך נישט געזעהן.

— פֿון וואַנען זשע ווייסט איהר, אז זיי זענען אוועק?

— פֿון איינעם אַ הערר, וואָס איז נעכטען אַרום זייגער דריי בייטאָג געווען אין אַפּאַרטאַמענט № 415.

— אַ הערר מיט דונקעלע וואָנסעס?

— יאָ. איך האָב איהם בעגעגענט, ווען ער איז שוין אַרויסגעגאַנגען. ער האָט מיר געזאָגט, אז הערר קעסעלבאַך און זיינע דינסטלייט זענען אוועקגעפֿאָהרען. קעסעלבאַך וועט נעכטיגען אין ווערסאַל, און אַהין זאָל מען איהם די פּאָסט שיקען.

— נאָר ווער איז יענער הערר געווען?

— ווייס איך נישט.

גורעל האָט אָנגעהויבען ווערען אונרוהיג. דאָס אַלץ האָט זיך איהם אויסגעוויזען מערקווירדיג.

— איהר האָט אַ שליסעל?

— ניין, הערר קעסעלבאַך האָט בעשטעלט בעזונדערע שליסלען.

— קומט, לאָמיר געהן אַרין צוזאַמען.

גורעל האָט ווידער שטאַרק אָנגעקלונגען. קיין ענטפֿער, ער האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן, אַלס ער האָט זיך מיט אַ מאָל איינגעבויגען און צוגעלעגט אַ אויער צום שליסעל-לאָך.

— הערט נאָר... פֿון דאָרטען הערט מען קרעכצען גאַנץ שאַרף...

ער האָט שטאַרק אַ זעץ געטהון מיט'ן פֿויסט אין טהיר.

— אָבער ערלויבט נאָר, איהר האָט קיין רעכט נישט!—האָט דער מעטר-ד'האָטעל געזאָגט.

— דאָס האָב איך קיין רעכט נישט!—האָט גורעל געענטפֿערט.

ער האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבען קלאַפּען, נאָר באַלד זיך איבערצייגט, אַז זיין מיהה איז אומזיסט.

— שנעל, שנעל רופֿט אַ שלאָסער.

אַ יונגעל האָט זיך האַסטיג געלאָזט לויפֿען נאָך אַ שלאָסער.

— נאָר פֿאַרוואָס זאָלען מיר נישט אַריינגעהן אַהין דורך די שכנות'דיגע נומערען,—האָט גורעל געפֿרעגט,—דורך דאָרטען קאָן מען דאָך יאָ צוקומען.

— יאָ, נאָר די טהירען זענען פֿערשלאָסען פֿון ביידע זייטען.

— נו, אויב אַזוי וועל איך טעלעפֿאָנירען אין געהיים-פּאָליציי,—האָט גורעל געזאָגט, דען אויסער זיין שעף האָט ער קענטיג אַליין זיך נישט געקאָנט קיין ראַטה טהון.

— און צום פּאָליציי-קאָמיסאַר?—האָט עמיץ געפֿרעגט.

— יאָ, געוויס,—האָט דער אינספעקטאָר געענטפֿערט.

אַז ער איז צוריקגעקומען פֿון טעלעפֿאָן, האָט דער שלאָסער צוגעקליעבען שליסלען אין מיט איינעם פֿון זיי האָט ער דעם שלאָס געעפֿענט. גורעל איז האַסטיג אַריין און זיך אַ לאָז געטהון אַ היין, פֿון וואַנען דאָס קרעכצען האָט זיך געהערט. ער האָט זיך איינגעבויגען צו די געבונדענע, דעם סעקרעטאַר טשעפּמאַן און דעם לאַקיי עדוואַרד. דעם סעקרעטאַר האָט זיך איינגעגעבען אָבצושוואַכען די שטריק און ער האָט שטיל געקרעכצט. עדוואַרד איז קענטיג געשלאָפֿען. מען האָט זיי בעפֿרייט און גורעל האָט זיך געלאָזט געהען זוכען קעסעלבאַך'ן. ער האָט איהם געפֿונען אין זאַל. דער מיליאָנער איז געזעסען אויפֿ'ן שטוהל, צוגעבונדען צום פֿאָרענץ, דעם קאָפּ אויפֿ'ן ברוסט אַראָבגעלאָזט.

— ער איז געחלש'ט,—האָט גורעל געזאָגט, — משמעות, אַז פֿון די אָנשטרענגונגען, וואָס ער האָט געמאַכט צו בעפֿרייען זיך, איז ער ערשעפּט.

דער אינספעקטאָר האָט שנעל איבערגעשניטען די שטריק און דער קערפּער האָט אַ פֿאַל געטהון פֿאָרוועערטס. גורעל האָט איהם געוואָלט איינהאַלטען, נאָר פּלוצלונג איז ער אָבגעשפּרונגען מיט אַ געשריי:

— אָבער ער איז דאָך טויט! די הענד קאַלט ווי אייז, און זעהט נאָר, וואָס פֿאַר אויגען.

— מסתּמא אַ פּאָפּלעקסיע,—האָט עמיץ געזאָגט.

— ווירקליך, מ'זעהט נישט קיין וואונד. דאָס איז אַ נאַטירליכער טויט.

דעם טויטען קערפּער האָט מען אַרויפֿגעלעגט אויפֿ'ן סאָפֿע און געוואָלט איהם די קליידער אויסטהון. נאָר באַלד האָט מען אויפֿ'ן העמד דערזעהן בלוט-פֿלעקען, און דאָרט, וואו דאָס האַרץ געפֿינט זיך, אַ קליינינקע וואונד, פֿון וועלכער עס האָט געראָנען בלוט. צום העמד איז געווען צוגעקלעפּט אַ וויזיט-קאַרטע: אַרסען לופּען.

גורעל האָט זיך אויסגעגלייכט און שטרענג בעפֿוילען:

— דאָ איז אַ פֿערברעכען... אַרסען לופּען. רירט גאָרנישט און נעהמט אַלע אַרויס. דעם סעקרעטאַר און דעם לאַקיי טראָגט אַריין אין דערביי-איגען נומער און זאָגט זיי צו זיך צו ברענגען... באַלד וועט קומען צופֿאָהרען דער שעף פֿון געהיים-פּאָליציי.

IV

נאָך איין מאָרד.

אַרסען לופּען!

גורעל האָט וויעדערהאָלט דעם דאָזיגען גרויזאַמען נאָמען מיט אַ פֿערלעגענער מיענע.

— ניין, ניין, דאָס איז אונמעגליך,—האָט ער געמורמעלט,—אונמעגליך...

רען לופּען איז דאָך געשטאָרבען. נאָר... צי איז ער ווירקליך געשטאָרבען? באַלד וועט דער שעף קומען.

— נו גורעל, וועגען וואָס טראַכסטו?

— שעף!

לויט דעם אויסדרוק פֿון די אויגען האָט דער שעף פֿון געהיים-פּאָליציי הערר לענאָרמאַן אויסגעזעהען נאָך גאַנץ יונג, נאָר דער איינגעבויגענער רוקען, די גרויע האָר און דאָס קראַנקע אויסזעהען האָבען איהם עהנליך געמאַכט צו אַ אַלטען מאַן.

נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעדיענט אין געהיים-פּאָליציי אַ יאָהר פֿיער פֿינף און האָט מיט זיינע אויפֿטהוען פֿעראינטערעסירט דאָס פּובליקום, איז דער נאָמען לענאָרמאַן געשטאַנען אין איין רייהע מיט די נעמען פֿון די בעריהמטעסטע דעטעקטיוועס און ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס שעף פֿון געהיים-פּאָליציי.

גורעל'ן האָט לענאָרמאַן געליעבט פֿאַר זיין פֿלייסיגקייט און פֿלייסיגקייט.

יענעם טאָג האָט לענאָרמאַן אויסגעזעהען בעזונדערס מיעד. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטוהל, פֿונאַנדערגעלאָזט די פּאָלעס פֿון זיין דונקעל-גרינעם סורדוט, אויסגעטהון דעם רויטען קאַשנע און געזאָגט:

— דערצעהל.

גורעל האָט דעם שעף דערצעהלט אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט.

— לופּען!—האָט לענאָרמאַן אויסגעשריען.

— יאָ, לופּען, די דאָזיגע חיה איז ווידער אַרויסגעשוואומען.

— אום זאָ בעסער,—האָט לענאָרמאַן געזאָגט.

— געוויס בעסער, ווייל איצט וועלען מיר ענדליך קאָנען זיך מיט די כחות אַ מעסט טהון מיט אַ געגנער, מיט וועלכען עס לוינט צו קעמפֿען,—האָט גורעל געזאָגט.

— זוך,—האָט לענאָרמאַן געזאָגט.

דאָס איז עהנליך געווען אויף אַ בעפֿעהל פֿון אַ יעגער צו זיין הונד. מיט'ן שפּיץ פֿון שטעקען האָט לענאָרמאַן שוויינענדיג אָנגעוויזען צו ערשט אויפֿ'ן שטוהל, דאַן אויף אַ ווינקעל פֿון צימער, און גורעל האָט געמיסענהאַפֿט דעם בעפֿעהל ערפֿילט.

— גאָרנישט,—האָט דער אינספעקטאָר געזאָגט.

— גאָרנישט פֿאַר דיר! האָט לענאָרמאַן אַ מורמעל געטהון.

— יאָ, דאָס מאַכט האָב איך געמיינט,—האָט גורעל אינטערגעכאַפּט.—נאָר מיר האָבען איצט אַ פֿעסטגעשטעלטען מאָרד, וואָס איז אויסגעפֿיהרט געוואָרען דורך אַרסען לופּען.

— זיין ערשטער מאָרד,—האָט לענאָרמאַן צוגעגעבען.

— יאָ, ווירקליך דער ערשטער.

לענאָרמאַן איז אַרויס אויפֿ'ן באַלקאָן, בעקוקט קעסעלבאַך'ס צימער און אויסגעפֿונט, צי די טהירען און פֿענסטער זענען פֿערשלאָסען.

— די פֿענסטער אין די דאָזיגע צימערען זענען געווען פֿערמאַכט בשעת איך בין אַריין אַ הער,—האָט גורעל געזאָגט.

— פֿערמאַכט אָדער פֿערשלאָסען?

— דאָ איז קיינער נישט געווען, האָט עס פֿערשלאָסען.

דער שטוים אין זאַל האָט זיי געצוואונגען אַהין אַריבערצוגעהן, דאָרט האָבען זיי געטראָפֿען דעם דאָקטאָר אין דעם סלעדזשאַטעל פֿאַרמערי.

(פֿאָרטזעצונג קומט).

צום שולגין-פּראָצעס

וועלכער וועט קירצליך פֿאָרקומען אין קיעוו און האָט אַ גרויסען צוזאַמענהאַנג מיטן

ביילים-פּראָצעס האָט דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט“ שוין געמאַכט בעקומען אַ טעלעגראַפֿישע בעשטעטיגונג אויף אַ ספּעציעלען קאָרעספּאָנדענטען-פּלאַץ, אַזוי אַז די לעזער פֿון „לאָדזער טאַגעבלאַט“ וועלען טעגליך בעקומען גענויע טעלעגראַפֿישע בעריכטען פֿון דעם דאָזיגען אינטערעסאַנטען פּראָצעס, אויף וועלכען גאַנץ רוסלאַנד קוקט איצט מיט אַ אויסערגעוועהנליכען אינטערעס און אויף וועלכען עס וועלען אויך וואַהרשיינליך געמאַכט ווערען וויכטיגע ענטדעקונגען, וואָס האָט אַ שייכות צום ביילים-פּראָצעס.

די שרעקליכע סודות.

אַ וועלטעי שפּאַנענדער ראָמאַן פֿון לאָדזער לעבען.

(292 בעאַרבייט פֿון ל. שרייבער.

145.

דער לעצטער אכט.

עס איז געווען אָנפאַנג אָוועט, ווען פֿריץ איז געלעגען אין זיין קאַבינעט אויסגעשפּרייט אויף דער אָטאָמאַנע, מיט אַ טייערען ציגאַר אין מויל, פֿערזונקען אין זיסע טרוימעריי. ער האָט בעשלאָסען היינטיגען אָוונט נישט אַרויסצוגעהן פֿון שטוב, ביז ער וועט דערהאַלטען אַ ידיעה פֿון וואַצלאַוו הוליאַנסקי'ן, אַז די „אַרבייט“ איז געענדיגט מיט'ן בעסטען ערפֿאָלג.

מיט אַ מאָל האָט זיך די טהיר געעפֿענט און זיין לאַקיי האָט איהם געמאָלדען:

— דער הערר פּראָפֿעסאָר סטאַניסלאַוו בלאַשקאָווסקי!

פֿריץ איז האַסטיג אויפֿגעשפּרונגען.

— אַח, ביטע זעהר!—האָט ער אויסגערופֿען און פֿאַר זיך אַ קלער געטהון: „געוויס איז דער פּראָפֿעסאָר ענדליך געקומען מיך פֿיהרען אין די וואַרשעווער אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפֿט“...

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אין קאַבינעט בעוויזען דער מאַלער, אָבער נישט אַליין, נאָר מיט נאָך אַ הערן, זעהר עלעגאַנט געקליידעט.

— אַה, ווילקאָמען, הערר פּראָפֿעסאָר!—האָט פֿריץ צו איהם אויסגעשטרעקט ביידע הענד.—מיין בעסטען דאַנק אייך פֿאַר אייער וויזיט. איהר האָט שוין געוויס איצט מעהר פֿריי צייט און איהר ווילט מיך היינט פֿיהרען בעקענען זיך מיט דער וואַרשעווער אַריסטאָקראַטיע?

— הם... יאָ!—האָט בלאַשקאָווסקי געענטפֿערט, וואַרפֿענדיג אַ בעדייטענדען בליק אויפֿ'ן צווייטען הערן.

— וואו זשע אַהין וועט איהר מיך פֿיהרען, הערר פּראָפֿעסאָר?—האָט פֿריץ געפֿרעגט.

— דאָס וועט אייך שוין זאָגען אָט דער הערר, וואָס איז געקומען מיט מיר!—האָט דער מאַלער געענטפֿערט.

פֿריץ האָט זיך פֿערנייגט, אויסגעשטרעקט צום אַנדערען הערן העפֿליך די האַנד און געזאָגט:

— זעהר אָנגענעהם! נאָר איך האָב נאָך נישט געהאַט די עהרע בעקאַנט צו ווערען מיט דעם הערן. ווען איהר ניט פֿאַר אַ פֿערשטעלען?

— הערר פּראָפֿעסאָר?

נאָר זיין האַנד איז געבליבען הענגען אין דער לופֿטען און דער מאַלער האָט געענטפֿערט:

— ביטע זעהר! דער דאָזיגער הערר, וואָס צווייל געקלייערט, איז דער שעף פֿון דער היגער געהיים-פּאָליציי!...

פֿריץ האָט אַ ציטער געטהון.

— דער שעף...? וואָס פֿערלאַנגט פֿון מיר דער שעף פֿון... פֿון געהיים-פּאָליציי?

נאָר דער שעף אַליין האָט בעשלאָסען נישט צו מאַכען קיין איבעריגע אומשטענדען און פֿערענדיגען די געשיכטע קורץ און שאַרף. ער האָט אַרויפֿגעלעגט זיין האַנד אויף פֿריץ'ס אַקסעל און אַ יסרופֿען מיט אַ פֿעסטער ענערגישער שטימע:

— הערר פֿריעדריך שורקע! אין נאָמען פֿון געזעץ זענט איהר אַרעסטירט!

פֿריץ האָט זיך אַ ריס געטהון און געמאַכט אַ בעוועגונג זיך אַ לאָז צו טהון צו דער טהיר. דער שעף פֿון געהיים-פּאָליציי האָט איהם נישט געפֿרובט פֿערהאַלטען, נאָר אַ לאַך געטהון און רוהיג געזאָגט:

— אומזיסט! ביטע זעהר, איהר קאָנט לויפֿען! אונטען וואַרט אויף אייך בעוואָפֿענטע פּאָליציי, און אַלע איינגאַנגען זענען בעוואַכט פֿון מיינע מענשען!

אַ מינוט איז פֿריץ שטעהן געבליבען צעטומעלט, דאַן אָבער האָט ער זיך מוט געמאַכט און געפֿרעגט מיט אַ אונשולדיגער מיענע:

— אָבער אום גאָטעס ווילען! וואָס האָט איהר צו מיר? פֿאַרוואָס אַרעסטירט איהר מיך?

— דערפֿאַר, ווייל איהר ווערט בעשולדיגט אין אַ זעהר שווער פֿערברעכען!

— איך? אין אַ שווער פֿערברעכען? אָבער וואו האָט איהר אַ בעווייז דערויף?

— ביטע זעהר!—האָט דער שעף פֿון געהיים-פּאָליציי געזאָגט און אַרויסגענומען אַ בריעף פֿון קעשענע.—דערקענט איהר דעם דאָזיגען דאָקומענט?

פֿריץ האָט אַ קוק געטהון אויפֿ'ן בריעף און באַלד דערקענט, אַז דאָס איז דער זעלבער יודישער בריעף, וואָס פֿיש האָט ערשט היינט געשריעבען און ער האָט איהם איבערגעגעבען הוליאַנסקי'ן. אַ מינוט האָט ער געקוקט ווי פֿערוואונדערט אויפֿ'ן בריעף, אויפֿ'ן שעף פֿון געהיים-פּאָליציי, אויף בלאַשקאָווסקי'ן, דאַן האָט ער אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס און זיך אָנגערופֿען ווידער מיט אַ אונשולדיגער מיענע:

— איז וואָס אז איך דערקען דעם בריעף? וואָס פֿאַר אַ שלעכטס איז דען דאָ אין דעם בריעף? ווי אַזוי קאָן ער דיענען אַלס בעווייז נעגען מיר?

— דערפֿאַר,—האָט דער שעף געענטפֿערט,—ווייל עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען דורך דאָקומענטען, אַז דער שרייבער פֿון דעם דאָזיגען בריעף איז נישט קיינער, ווי מענדעל העכט. וואָס האָט מיט יאָהרען צוריק ערמאָרדעט דעם פֿאַבריקאַנט בלאָך פֿון לאָדז, אונטערגעצונדען זיין פֿאַבריק, בערויבט זיין פֿרעטענטען און זיך ביז היינטיגען טאָג אויסבעהאַלטען פֿון זיין פֿערדיענטער שטראָף, לאָזענדיג אַ אונשולדיגע פֿרוי שמאַכטען אין טורמע. און אַזוי ווי דער בריעף קומט פֿון אייער האַנד, הערר שורקע, דעריבער האָבען מיר פֿאָלשטענדיג רעכט אייך צו האַלטען פֿאַר יענעם מענדעל העכט.

פֿריץ'ס מח האָט שנעל געאַרבייט, ווי געוועהנליך ביי איהם בשעת אַ געפֿאַהר. ער האָט שנעל איינגעזעהן, אַז די לאַגע צו רעטען איז שוין איצט אונמעגליך, וואָרום ער האָט נישט פֿערשטאַנען, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז בעוואוסט געוואָרען. דעריבער האָט ער בעשלאָסען וועניגסטענס זיך אַליין צו רעטען, און זיך קיין איין סעקונדע נישט פֿערטראַכט אום דעם פֿריינד אויסצוגעבען זיין לאַנג-יעהריגען פֿריינד און שותּף.

— נו, אויב אַזוי,—האָט ער זיך לוסטיג צעלאַכט,—האָט איהר אַ גרויסען טעות, מיינע הערען! עס קאָן זעהר זיין, אַז דער, וואָס האָט דעם בריעף געשריעבען, איז, ווי רופֿט איהר איהם אָן, מענדעל העכט, וועלכער איז אַ אַלטער פֿערברעכער. נאָר איך האָב דעם בריעף נישט געשריעבען און בין ממילא נישט מענדעל העכט.

— אויב אַזוי בעדאַרפֿט איהר צו וויסען, ווער עס האָט דעם בריעף געשריעבען,—האָט דער שעף פֿון געהיים-פּאָליציי געענטפֿערט,—און ביז איהר וועט עס אונז נישט אויסזאָגען, בלייבט דער חשד אויף אייך.

— אָבער ביטע, מיין הערר!—האָט פֿריץ פֿרעהליך געענטפֿערט.—איך האָב גאָרנישט בדעה פֿון אייך צו בעהאַלטען דעם אמת וועגען דעם בריעף-שרייבער. אויב איהר זענט איבערצייגט, אַז ער איז אַ פֿערברעכער—ביטע זעהר! נעהמט זיך איהם צו און טהוט מיט איהם, וואָס איהר ווילט! קיין פֿערברעכער וויל איך אַליין נישט שיצען, און ווען איך וואָלט וויסען, ווער ער איז, וואָלט איך איהם אַליין שוין לאַנג אין אייערע הענד איבערגעגעבען. נאָר איך פֿערזיכער אייך, מיין הערר, אַז איך האָב דעם שרייבער פֿון דעם דאָזיגען בריעף שטענדיג געהאַלטען פֿאַר אַ עהרליכען מענשען און האָב קיין אַהנונג נישט געהאַט, אַז ער האָט אָבגעטהון אַזעלכע שרעקליכע זאַכען.

— אַלזאָ ווער איז ער?—האָט דער שעף און בלאַשקאָווסקי געפֿרעגט אונגעדולדיג.

— דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי מיין שותּף לעאָפּאָלד פֿיש!—האָט פֿריץ געזאָגט.

— און איהר זענט גרייט פֿאַר איהם צו זאָגען אין די אויגען, אום מיר זאָלען זיך איבערצייגען, אַז איהר זאָגט אמת און דערמיט אָראָבנעהמען דעם חשד פֿון אייך?—האָט דער שעף געפֿרעגט.

— ביטע זעהר! מיט פֿערגניגען! אַפֿילו די מינוט!—האָט פֿריץ געענטפֿערט.

(פֿאָרטזעצונג קומט).

מאַר'ים לעבלאַן.

„813"

די וואונדערליכע מעשים פון א בעריהמטען דעטעקטיוו.

(ב)

פון פאַריזער לעבען.

איבערזעצט פון ל. שרייבער.

פאַר די לעזער, וואָס האָבען פיליכט נישט געלייענט דעם אָנהויב פון דעם ראָזינגען אינטערעסאַנטען ראָמאַן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען פרייטאָג דרוקען אין אונזער צייטונג, גיבען מיר דאָ איבער בקיצור דעם אינהאַלט פון ערשטען קאַפּיטעל:

דער בריליאַנטען-קעניג רודאָלף קעסעלבאַך איז געקומען צו פאָהרען קיין פאַריז מיט'ן צוועק אויסצופיהרען א ווילטיגע זעהר געהיימניספולע אָנגעלעגענהייט, וועלכע ער האַלט אַלס גרויס געהיימניס. אין א געוויסע צייט ארום בעמערקט ער, אז אין זיינע צימערן, וועלכע ער האָט בעזעצט מיט א בעזונדער שמירה, דרינגען דאָך ארויין איינבּרעכערס פערזאָנען און זוכען אין זיינע זאַכען. ער טעלעפאָנירט דערוויבער דיק שעף פון געהיים-פאָליציי לענאָרמאַן, נאָר יענער איז גראָד אין בּויזע נישטאָ, און אַנשטאַט איהם ענטפערט איהם לענאָרמאַנ'ס אינספּעקטאָר גורעל, וועלכער זאָגט איהם צו אין א פּאָר שטונדען ארום צו קומען און אויספאָרשען די זאַך.

נאָר איידער גורעל קומט, דרינגען פלוצלונג ארויין אין צימער אויף א געהיימניספולען אופן צוויי אומבעקאַנטע מענשען, פון וועלכע איינער, מאַרקאָ, שטעלט צו זיין דער דינער. זיי בינדען קעסעלבאַך'ס סעקרעטאַר משעפּמאַן און זיין לאַקיי עדוואַרד, בינדען אויך קעסעלבאַך'ן אַליין צו צום שטוהל, און מיט דער הילף פון זיין דינער מאַרקאָ צווינגט דער אומבעקאַנטער דעם מיליאָנער איהם צו ענטפערן אויף זיינע פראַגען. דער אומבעקאַנטער פערלאַנגט פון איהם צוויי זאַכען: א פּאָרטפעל פון שוואַרצען סאַפיאַן און א קעסטעל פון שוואַרצען האָלץ. דאָס לעצטע, וויים דער בעקאַנטער, געפינט זיך אין א פייער-קאַסע אין באַנק פון „ליאָנער קרעדיט", נאָר ער ווייס נישט דעם שיפר, מיט וועלכע מען קאָן עפענען די קאַסע, און ער פערלאַנגט, קעסעלבאַך זאָל איהם אויסזאָגען דעם שיפר. קעסעלבאַך ענטזאָגט זיך אויסצוזאָגען, דאַן ערקלערט איהם דער אומבעקאַנטער, אז אויב ער וועט אין צעהן סעקונדען ארום נישט אויסזאָגען דערשיעסט ער איהם, און הויבט אָן צעהלען: איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף, זעקס...

רודאָלף קעסעלבאַך האָט א ציטער געגעבען.

— דו ווילסט רעדען? — האָט דער אומבעקאַנטער געפרעגט.

— יאָ.

— שוין לאַנג צייט. א נו, דאָס וואָרט... דעם שיפר צו'ם שלאָס.

— דאָלאַר.

— דאָלאַר... דולער... צי הייסט נישט א מאָל מאַדאַם קעסעלבאַך דאָלאָרעס?... קום צי פאַהרען, ליעבע... מאַרקאָ, דו וועסט באַלד טהון, ווי מיר האָבען זיך אָפּגערעדט. נאָר זעה, האָב קיין טעות נישט, ניין!... איך וועל דיר נאָך א מאָל זאָגען... דו וועסט צו געהן צו זשעראָם'ן אין אָמניבּוס'ען-ביוראָ, וועסט איהם איבערגעבען דעם שריסעל, וועסט איהם זאָגען דעם שיפר און איהר וועט בּיידע צוזאַמען געהן אין „ליאָנער קרעדיט", אַריינגעהן א היין זאָל זשעראָם אַליין, זיך אונטערשרייבען, דאַן אַראָבגעהן אין די קעלערס און צונעהמען אַלץ, וואָס ער וועט געפינען אין דער פייער-קאַסע. פערשטאַנען?

— יאָ, נאָר אויב די שאַפע וועט זיך נישט עפענען, אויב דאָס וואָרט דאָלאַר איז נישט...

— וואַרט, מאַרקאָ. נאָכדעם ווי זשעראָם וועט ארויסקומען פון „ליאָנער קרעדיט", וועסטו אוועקגעהן א היים און מיר טעלעפאָנירען די ר זולטאַטען פון דער אַרבייט. און אויב עס וועט זיך ארויסווייזען, אז דאָס וואָרט-דאָלאַר עפענט נישט די שאַפע, וועל איך מיט מיין פריינד קעסעלבאַך האָבען א בעזונדערן שמועס. קעסעלבאַך, ביזטו זיכער, אז דו האָסט קיין טעות נישט?

— יאָ.

— נו, מיר וועלען זעהן! געה, מאַרקאָ.

— און איהר, שעף?

— איך וועל בלייבען. אָה, מיינסט זיין גאַנץ רוהיג. איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אזוי בעזאָרגט ווי איצט. נישט אמת, קעסעלבאַך?

— יאָ.

— צום טייוועל! עפּעס ענטפערסטו מיר צו שנעל. אפשר ווילסטו נאָר צייט געווינען? דאַן בין איך אין א נעץ אריינגעפאַלען, ווי א אידיאָט!...

ער האָט א קלער געטהון, א קוק געטהון אויף זיין געפאַנגענעם און געזאָגט

— ניין, דאָס איז אונמעגליך... קיינער וועט אונז נים שטערען...

ער האָט נאָך די ווערטער נישט געענדיגט, אַלס ביי דער איינגאַנגס-טהיר האָט זיך א קלונג דערהערט. מאַמענטאַל האָט ער מיט דער האַנד קעסעלבאַך'ן דאָס מויל פערמאַכט.

— אַה, דו אַלטער פוקס! דו האָסט געוואַרט אויף עמיצען.

אין די אויגען פון געפאַנגענעם האָט א בליץ געטהון א שטראַהל פון האָפ-נונג. ער האָט א שמייכעל געטהון, טראָץ דער האַנד, וואָס האָט איהם געשטערט צו עטעמען.

דער אומבעקאַנטער האָט אויפגעציטערט פאַר כעס.

— שווייג, אז נישט דערשטיק איך דיך. מאַרקאָ, פערשטאָפ איהם דאָס מויל, שנעל!

ווידער האָט זיך א קלונג דערהערט. דער אומבעקאַנטער האָט אויסגע-שריען, נאָכמאַכענדיג קעסעלבאַך'ס שטימע:

— אָבער עפענט שוין, עדוואַרד!

ער איז שטיל א דורך אין קאָרידאָר און אָנווייזענדיג אויפ'ן סעקרעטאַר און אויפ'ן לאַקיי האָט ער שטילערהייד געזאָגט:

— מאַרקאָ, העלף מיר איבערטראָגען זיי אין יענעם צימער אריין, כדי מען זאָל זיי נישט זעהן.

ער אַליין האָט א נעהם געטהון דעם סעקרעטאַר, מאַרקאָ—דעם לאַקאַי.

— אויסגעצייכענט. איצט שנעל אין זאַל אריין.

דער אומבעקאַנטער איז ווידער ארויס אין קאָרידאָר און הויך געזאָגט:

— אָבער אייער לאַקאַי, קעסעלבאַך, איז דאָך נישטאָ... בעאונרוהיגט זיך נישט, ענדיגט דעם בריעף, איך וועל אַליין די טהיר עפענען.

ער האָט גזעפענט די איינגאַנגס-טהיר.

— הערר קעסעלבאַך?—פאַר איהם איז געשטאַנען א הויכער מאַנספּערזאָן מיט א לוסטיג געזיכט און לעבהאַפטע אויגען. ער האָט זיך איבערגעבויגען פון איין פוס אויף דער אַנדערער און אין די הענד געקנייטשט די פליגעל פון זיין הוט.

— יאָ, דאָ וואָהנט הערר קעסעלבאַך. ווי זאָל איך אייך מעלדען?

— הערר קעסעלבאַך האָט מיר טעלעפאָנירט... ער וואַרט אויף מיר...

— אַה, דאָס זענט איהר אַלזאָ... וואַרט א ווייל. הערר קעסעלבאַך וועט באַלד ארויסקומען.

דער אומבעקאַנטער איז געווען אזוי דרייסט, אז ער האָט דעם אָנגעקומענעם נאָסט געלאָזט שטעהן אויפ'ן שוועל פון קאָרידאָר, פון וואַנען ער האָט געקאָנט זעהן א טייל פון זאַל, און אַליין איז ער פּאַמעלעך, נישט אומקוקענדיג זיך, אריין אין זאַל. ווו עס האָבען זיך געפונען זיין קאָלעגע מיט קעסעלבאַך'ן, און געזאָגט:

— מיר זענען פערלאָרען,—דאָס איז גורעל, פון דער געהיים-פאָליציי.

מאַרקאָ האָט ארויסגעכאַפּט א מעסער, דער אומבעקאַנטער האָט איהם פאַר'ן האַנד אָנגעכאַפּט.

— נאָר קיין נאַרישקייטען! איך האָב א איינפאַל. נאָר אום גאָטעס ווילען, מאַרקאָ, פערשטעה, וואָס איך מיין, און האַלט זיך אזוי, ווי דו וואָלסט געווען קעסעלבאַך... דו פערשטעהסט, מאַרקאָ, דו ביזט קעסעלבאַך!

ער האָט גערעדט אזוי קאַלטבלוטיג און איבערצייגענד, אז מאַרקאָ האָט פערשטאַנען די ראָלע, וואָס ער דאַרף שפּיעלען און האָט בכיוון געזאָגט הויך:

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, מיין ליעבער, זאָגט גורעל'ן, אז איך בעדויער זעהר... נאָר איך בין אונגעהויער בעשעפטיגט... און איך בעט איהם ארייַנצוקומען מאָרגען, א זייגער צעהן... יאָ, מאָרגען, פונקט צעהן.

— גוט,—האָט דער שעף שטילערהייד געזאָגט,—און מעהר קיין איינציגע בעוועגונג.

ער האָט צוריקגעקעהרט אין קאָרידאָר, וואו גורעל האָט געוואַרט און גע-זאָגט צו איהם:

— הערר קעסעלבאַך ענטשולדיגט זיך, ער איז איצט בעשעפטיגט מיט א וויכטיגער אַרבייט, צי קאָנט איהר נישט אריינקומען מאָרגען, זייגער צעהן?

איצט האָט זיך געשטעלט א פּויזע. גורעל האָט געשיינט צו זיין פערוואונ-דערט אָי זיך געוואַקעלט. דעם אומבעקאַנטענס האַנד האָט זיך אין א פויסט צו-זאַמענגעדריקט. ווען גורעל וואָלט נאָר געמאַכט איין בעוועגונג אריינצוגעהן, וואָלט ער איהם א זעץ געטהון.

ענדליך האָט גורעל געזאָגט:

— גוט... מאָרגען אום צעהן... איך וועל דאָ זיין.

און ער האָט אָנגעטהון דעם הוט און אַרויס אין קאָרידאָר.

מאַרקאָ אין זאַל האָט זיך אויס געקייקעלט פאַר געלעכטער.

— אָט דאָס איז פיין, מיר האָבען איהם קונציג אָבגענאַרט.

— געה, מאַרקאָ, שפיר איהם נאָך, אויב ער וועט מאַכי פון האָטעל ארויס-געהן, וועסטו איהם אָבלאָזען, און אַליין וועסטו געהן צו זשעראָם'ן, ווי מיר האָ-בען זיך אָבגערעדט און וועסט מיר טעלעפאָנירען.

מאַרקאָ איז האַסטיג ארויס. דער אומבעקאַנטער האָט זיך געזעצט געבען זיין געפאַנגענעם און געזאָגט.

— דאָך, הערר קעסעלבאַך, איז שוין צייט זיך פאָרצושטעלען פאַר אייך.—

ער האָט פון קעשענע ארויסגענומען א וויזיט-קאַרטע און צוגעגעבען:

— אַרסען ליופען, דער דזשענטעלמאַן-גנב.

II.

דאָס שוואַרצע קעסטעל.

ד"ר נאָמען פון בעריהמטען אַוואַנטוריסט אַרסען ליופען האָט אויף קעסעל-באַך'ן געמאַכט דעם בעסטען איינדרוק. און דאָס האָט ליופען נאַטירליך באַלד בעמערקט.

— אַהאַ, מיין טייערער! איהר האָט אָבגעעטעמט פריי'ער. אַרסען ליופען איז דעליקאַט, ער ליידט נישט קיין בלוט און ער איז נאָך קיינמאָל נישט בע-גאַנגען קיין אַנדער פערברעכען אויסער צונעהמען פרעמדען איינענטום, די פראַגע איז אָבער נאָר, וואָס איך וועל נישט, צי וועט נישט נוצליך זיין מיט אייך א סוף צו מאַכען. לאָ'מיר צוטראַכטען צו'ם עיקר, קאַלעגע.—ער האָט אראָבגענומען דאָס בענדעל פון קעסעלבאַך'ס מויל און אָנגעהויבען פּעסט:

— קעסעלבאַך, סאַמע אין דעם טאָג, ווען דו ביזט קיין פאַריז געקומען, האָסטו פערקניפּט בעציהונגען מיט איינעם קאַרבאַרע, א דירעקטאָר פון א פּרי-וואַטען דעטעקטיוו-ביוראָ. איהר האָט זיך אָבגערעדט, אז ער וועט קאָרעספּאָנדי-רען און רעדען מיט דיר פער טעלעפאָן אונטער'ן נאָמען „קאַלאָנעל". איך מוז דיר זאָגען, אז קאַרבאַרע אַליין איז דער עהרליכסטער מענש און נישט ער האָט מיר דאָס געהיימניס אַרויסגעגעבען, נאָר צו מיין גליק געפינט זיך צווישען זיינע אָנגעשטעלטע איינער פון מיינע בעסטע פריינד. און פון איהם ווייס איך עס צו וואָס דו האָסט זיך צו קאַרבאַר'ען געווענדעט. אויף אזא אופן האָסטו מיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגען, און מיט דער הילף פון נאָכגעמאַכטע שליסלען האָב איך עטליכע מאָל בעזוכט דיינע צימערן, נאָר נישט געפונען, וואָס איך האָב געזוכט:

ליופען'ס שטימע איז געוואָרען שטילער, און זיך איינקוקענדיג שאַרף זיין געפאַנגענעם אין די אויגען האָט ער ווייטער גערעדט:

— קעסעלבאַך, דו האָסט בעפוילען קאַרבאַר'ען, ער זאָל אָבזוכען צווי-שען די פּאַריזער נאַכט-יונגען א מענשען מיט'ן נאָמען פיער לעדויק. וואָס בע-זיצט פאָלגענדע סימנים: וואוקס איין מעטער פינף און זעכציג, א בלאָנדין מיט וואָנסעס. בעזונדערע סימנים: צוליעב א פערוואונדונג איז ביי איהם אָבגע-שניטען דער שפּיץ פון קלענעם פינגער פון דער לינקער האַנד, און אויסער דעם האָט ער א קוים בעמערקבאַרען שנים אויף דער רעכטער באַק. דו לעגסט פיעל בעדייטונג אויף די אָבזוכונג פון דעם דאָזיגען מענשען, מיט זיין הילף וואָלסטו געקאָנט אויסליהרען זעהר א גוט געשעפט. ווער איז דער דאָזיגער מענש?

— איך ווייס נישט.

דער קאַטעגאָרישער ענטפער האָט קיין מעגליכקייט נישט געגעבען צו צווייפ'לען. עס איז געווען קלאָר, אז דער מיליאָנער האָט פעסט בעשלאָסען וועגען דעם גאָרנישט צו רעדען.

— לאָז זיין אזוי, נאָר דו האָסט דאָך געוויס נאָך אַנדערע ידיעות, וועלכע דו האָסט קאַרבאַרע'ן נישט מיטגעטיילט?

— קיינע.

— דו זאָגסט ליגען, צוויי מאָל, ווען דו האָסט גערעדט מיט קאַרבאַר'ען האָסטו נאָכגעזעהן אין די פּאַפּיערען, וואָס געפינען זיך אין לעדערנעם פּאָרטפעל.

— יאָ, אמת.

— וואו זשע איז אָט דער פּאָרטפעל?

— פערברענט.

ליופען האָט א ציטער געטהון פאַר צאָרן. דער געדאַנק וועגען מאַרטור, אַלס מיטעל צו צווינגען צו רעדען, איז איהם ווידער אויפ'ן קאָפּ ארויף.

— פערברענט? נו, און דאָס קעסטעל פון שוואַרצען האָלץ? זיי זיך מורה, ער געפינט זיך אין „ליאָנער קרעדיט"?

— יאָ.

— און וואָס געפינט זיך אין איהם?

— צוויי הונדערט סאַמע די בעסטע בריליאַנטען פון מיין קאָלעקציע.

דער דאָזיגער ענטפער איז דעם אַוואַנטוריסט געפעלען. ליופען האָט זיך פּלוצלונג צעלאַכט.

— דו האָפסט, אז מיינע שלוחים וועט נישט געלונגען צו עפענען די פייער-קאַסע, אז מען וועט זיי פּאַקען, דאָס איז מעגליך, מיין טייערער... נאָר דאַן וועסטו מיר בעצאָהלען פאַר די אונרוהע. בין איך דאָך נישט געקומען אַהער קוקען, ווי דו זעהסט אוים א צוזעבונדענער צום שטוהל. בריליאַנטען, זאָל זיין בריליאַנטען... אז נישט גיעב דעם לעדערנעם פּאָרטפעל... ווי דו ווילסט בעסער.

ער האָט אויפ'ן זייגער א קוק געטהון.

— צום טייוועל, שוין האַלבע שטונדע פערביי... דאָס איז פערדעכטיג... אַה, ענדליך!

ביים טעלעפאָן האָט זיך א קלונג דערהערט. ליופען האָט א וואַפּ געטהון דאָס רעהרעל, און נאָכמאַכענדיג קעסעלבאַך'ס שטימע האָט ער אָנגעהויבען רעדען:

— יאָ, דאָס בין איך, רודאָלף קעסעלבאַך. זייט אזוי גוט, פריילין, פער-איינינט מיך... דאָס ביזטו, מאַרקאָ? שען! געלונגען? אויסגעצייכענט! נו, וואָס זשע האָט איהר דאָרט געפונען? א קעסטעל פון שוואַרצען האָלץ? קיינע פּאַ-פּיערען? און מעהר גאָרנישט? און וואָס איז אין קעסטעל? בריליאַנטען? גוט! אויסגעצייכענט... וואַרט א ווילינקע, מאַרקאָ, איך מוז א קלער טהון...

ער האָט זיך אויסגעדרעהט.

— קעסעלבאַך, די בריליאַנטען זענען דיר זעהר טייער?

— יאָ.

— דו וועסט זיי ביי מיר אויסקויפען?

— מעגליך.

— וויפיעל וועסטו געבען? פינף הונדערט טויזענד?

— פינף הונדערט טויזענד... גוט.

— יאָ, נאָר די פראַגע איז אָט וואָס. ווי וועלען מיר זיך אויסטוישען מיט די זאַכען? א משעק? דאָס איז נישט בעקוועם. אָדער דו וועסט מיך אָבנאַרען, אָדער איך דיך...

הער זשע! איבערמאָרגען וועסטו געהן אין „ליאָנער קרעדיט". וועסט נעהמען פינף הונדערט טויזענד און וועסט קומען שפּאַצירען אין בולאָנער וואַלד, גע-

א נייער ראמאן.

פרייטאָג האָט זיך אָנגעהויבען צו דרוקען אין לאָדזער טאָגעבלאַט

א נייער העכסט-אינטערעסאַנטער און שפּאַנענדער ראָמאַן אונטער'ן

נאָמען „813". דער ראָמאַן 813, וועלכער איז איינער פון די

צוציהענדסטע און געלונגענסטע דעטעקטיוו-ראָמאַנען, איז איבער-

זעצט געוואָרען אין יודישען ספּעציעל פאַר'ן לאָדזער טאָגעבלאַט

דורכ'ן בעוואוסטען יודישען ראָמאַן-שרייבער ה' ל. שרייבער

דעם פערפאַסער פון אונזער זעלטענעם ראָמאַן די „שרעקליכע

סודות". דער נייער ראָמאַן 813 וועט זיך דרוקען אין „לאָדזער

טאָגעבלאַט" בסדר 6 מאָל א וואָך.

בען האָטעל. איך וועל ברענגען די בריליאַנטען אין א סאַקוואָיאַזש, דאָס וועט זיין בעקוועמער... דאָס קעסטעל וועט מען צו שטאַרק דערקענען.

קעסעלבאַך איז אונטערגעשפּרונגען.

— ניין ניין... איך דאַרף דאָס קעסטעל.

— אַה, מיין ליעבער, איך האָב דיך געפּאַקט,—האָט זיך ליופען צו-לאַכט.—פערליערען די בריליאַנטען האָרט דיך נישט אזוי שטאַרק.. וועסטו האָ-בען אַנדערע. נאָר דאָס קעסטעל איז דיר טייער ווי דער שוואַרצאַפּעל פון דיינע אויג. גוט, דו וועסט דאָס קעסטעל בעקומען, דערויף האָסטו א וואָרט פון אַרסען-ען... מאָרגען פריה... פער פּאָסט.

ער האָט זיך אומגעדרעהט צום טעלעפאָן.

— מאַרקאָ, דו האַלסט דאָס קעסטעל אין די הענד? וואָס עפּעס בעזונ-דערס איז דערין? האָלץ... אינקרוסטאַציעס פון עלפאַנטס-ביין... איך ווייס... יאַפּאַנישער סטיל פון פאַרשטאָדט סענט-אַנטואַן... מעהר גאָרנישט?... א רונד פּלעטעל מיט א בלויע ראַהמעל און מיט א נומער... א אונבערייטענדע צייכען פון מאַגאַזין? גוט. און דער דנאָ פון קעסטעל איז א דיקער? נישט שטאַרק דיק. צום טייוועל! הייס עס, אז קיין דאָפּעלטער דנאָ איז נישטאָ... בעטראַכט נאָר בעסער די אינקרוסטאַציע אונטען, אָדער ניין, בעסער אויפ'ן דעקעל.

ליופען איז אונטערגעשפּרונגען פאַר שמחה.

— אויפ'ן דעקעל, אויפ'ן דעקעל, מאַרקאָ,—קעסעלבאַך ווערט אויפגע-רעגט, א סימן, איך האָב געטראָפען... אַה, ליעבער קעסעלבאַך, האָסטו דען נישט בעמערקט, אז איך גיעב אַכטונג אויף דיר?... ווי דו קאָנסט זיך נישט אַנ-שטעלען!

— נו וואָס, מאַרקאָ? האָסט ערסען ליופען ווייטער געזאָגט.—וואָס האָסטו דאָרט געפונען אויפ'ן דעקעל פון קעסטעל?...

א שפּיגעלע? ווי, עס בעוועגט זיך? ניין? נו טאַ צעברעך עס...

ער האָט אונגעדולדיג אויפגעשריען:

— מיש זיך נישט אריין, וואו מען דאַרף נישט. פאָלג, וואָס מען הייסט דיר.

משמעות ער האָט דערהערט דעם קלאַנג פון צעבראָכענעם גלאָז, ווייל ער האָט מיט א טריאומפירענדער מיענע אויסגעשריען:

— איך האָב דיר געזאָגט, קעסעלבאַך, אז מיר וועלען אונזערע פאָרט דערגרייכען... האַללאָ! נו וואָס, מאַרקאָ? א בריעף. מיר האָבען געזיגט! אַלע בריליאַנטען פון קאַפּלאַנד און דעם מיליאָנערס געהיימניס! ליעען, מאַרקאָ, נאָר שאַרף... צוערשט דעם קאָנווערט... גוט... נאָך א מאָל...

און ער האָט אַליין מיט יענעם ווידערהאָלט:

— „א קאָפּיע פונ'ם בריעף, וואָס געפינט זיך אין פּאָרטפעל פון שוואַרצען סאַפיאַן"...

— נו, ווייטער... ריים אויף דעם קאָנווערט, מאַרקאָ, איהר ערלויבט, הערר קעסעלבאַך? דאָס איז אפילו נישט זעהר קאָרעקט, נאָר וואָס זאָל מען טהון?— נו וואָס? ליען.

ער האָט זיך צוגעהערט און דאַן געזאָגט:

— יאָ, דאָס איז נישט זעהר פיעל. א בויגען פּאַפּיער, איינגעלעגט אין פיערען... די קנייטשען פון פּאַפּיער שיינען צו זיין גאַנץ פרישע... אזוי. אויף דער ערשטער זייט אין דער הויך איז אויפגעשריבען: איין מעטער פינף און זעכציג, דער קלענער פינגער פון דער לינקער האַנד אָבגעשניטען, א. א. וו.— דאָס זענען די סימנים פון פיער לעדויק. גוט. אַלץ איז געשריבען מיט קע-סעלבאַך'ס האַנדשריפט. אויסגעצייכענט... און אין מיטען בריעף בלויז איין איינציג וואָרט מיט גרויסע בוכשטאַבען:

„אַפּאָאָן".

— מאַרקאָ, לאָז עס אַלץ צורוה, ריהר נישט, נישט דאָס קעסטעל, נישט די בריליאַנטען... אין צעהן מינוט ארום וועל איך ענדיגען מיט קעסעלבאַך'ן, און אין צוואַנציג מינוט ארום וועל איך ביי דיר זיין... יאָ, דו האָסט מיר צוגע-שיקט א אויטאָמאָביל? גוט. אויף ווידערזעהן אין גיכען.

ליופען'ס געזיכט האָט בעקומען א ענטשלאָסענעם אויסדרוק.

— גענוג צו שפּאַסען, קעסעלבאַך! וועסט זאָגען אָדער ניין?

— וואָס זאָגען?

— מאַך זיך נישט צום נאַר! זאָג אַלץ, וואָס דו ווייסט.

— איך ווייס גאָרנישט.

— דו זאָגסט ליגען. וואָס בעדייט דאָס וואָרט „אַפּאָאָן"?

— ווען איך וואָלט געוואוסט, וואָלט איך עס נישט פערשריבען.

— נו, לאָז זיין אזוי. נאָר פון וואַנען האָסטו גענומען דאָס דאָזיגע וואָרט? צו וואָס פאַר א זאַך האָט עס א שייכות?

קעסעלבאַך האָט גאָרנישט געענטפערט.

ליופען האָט אָנגעהויבען רעדען מיט א נערוועזער שטימע.

— הער מיך אויס, קעסעלבאַך. דער זוהן פון קופּערשמיעד פון איינספאָרט און דער קעניג פון אַלע גנבים קאָנען זיך ערלויבען שותפות צו שליסען, נישט מורא האָבענדיג, טאָמער וועט עמיצענס עהרע פון זיי ליידען. איך גנב'ע אין די הייזער, דו—אויף דער בערזע, מיר זענען זיך ווערט איינס דאָס אַנדערע. אט אָט וואָס איך לעג דיר פאָר: לאָמיר זיך צוזאַמען פעראייניגען צוליעב אָט דער אָנגעלעגענהייט. דו ביסט מיר נויטיג, ווייל איך ווייס נישט, ווענען וואָס דאָ האַנדעלט זיך. איך בין דיר נויטיג, ווייל אַליין וועסטו גאָר נישט מאַכען. באַ-בערע איז א נאַר און איך בין ליופען!

קעסעלבאַך האָט געשוויגען. ליופען האָט ווייטער גערעדט מיט א צי-